STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05464

A TEKSI-DRAYVER DERTSEYLT

Samuel Adler

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Alyssa Lappen & Tarrant Smith
in memory of
Saul Lappen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א טעקסי-דראַיווער דערציילט

ערנסטע און טשיקאווע מעשה׳לעך, סקיצן און בילדער

פון

ש. אַדלער

פאַרלאַג „אידיש לעבן"
ניו-יאָרק, 1940

Copyright 1940
by SAMUEL ADLER
New York, N. Y.

הויפט-פארקויף:
SAMUEL ADLER, 421 E. 5th Street, New York, N.Y.

אינהאַלט:

די טעקסי — אַ מואווי־טעאַטער — 5
אַ טשיקאַווע מיידל — 6
אַ שוך פון הימל — 7
דער טעות — 8
סודות פון טאַימס־סקווער — 10
דער „דזשיגאָלאָ" — 12
אָן לשון — 13
אַ שפּיצל — 13
אַ מזל'דיגער פּלאַץ — 14
אַ שנעלע רייזע — 15
„אינסאַמניא" — 17
שרעק — 18
„גיוו מי יור לאַיסענס!" — 19
„פיפטי־פיפטי" — 20
דער אָפּגענאַרטער מאַן — 22
ווייס און שוואַרץ — 24
אַ באַגעגעניש — 25
צוויי מאַטראָזן — 27
די אָפּעראַ־זינגערן — 28
דער פייגלינג — 29
אַ קונצנמאַכער — 29
אַ קאָלעגע — 30
דער בלינדער — 32
טשיקאַווע ברואים — 33
אַלצדינג איז „אָקי דאָקי" — 33
דער „ניוזי" — 34
„באַאַרבעט" — 36
אַ שידוך — 37
פאַרשפּעטיגט — 40

דער מאַן אין קאַסטן — 41
אַ פֿלאַכער מענטשל — 46
דער טעקסי־טרייבער — דער יאָלד — 50
אַ מעשה מיט אַ „קאַסע" — 53
נאָך אַ יאָלד — 56
די באַלוײַנונג — 57
געפֿונענע זאַכן — 58
פֿלאָפּי — דאָס מיידעלע — 60
דער מאַן מיט דער צעפּלעטשטער נאָז — 62
„העד" און „טעיל" — 63
„סטאַרס" און „גדולים" — 64
געפֿונען דעם שאָדן — 67
דער העלד — 69
בעיב רוט — 69
איבערגעקליגערט — 70
ביי דער דערעסמעיקערן — 73

פיר גרעסערע דערציילונגען

מיין באַקאַנטער — 75
אַ מאַמע האָט מיר דערציילט — 81
די אָנגעפּאַרבטע פרוי — 87
„פּעפּי" — 92

די טעקסי — אַ מאָווי־טעאַטער

אַ בילד אין עטלעכע שורות:

איך פיר אין מיין טעקסי אַ יונג פּאָרפּאָלק. דער שיינער, ליכ־טיגער זומערטאָג איז אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנים'ער. דער יונגערמאַן הייסט מיר טרייבן די קאַר זייער פּאָרזיכטיג. זיי רעדן צווישן זיך שטיל. איך הער גאָרניט, איך פיל אָבער אַז זיי זיינען גליקלעך. זייער פרייד גייט אויך אריבער צו מיר . . . מיר זיינען געבליבן שטיין לעבן אַ קליינער, דריי־שטאָקיגער, גרוי־געפאַרבטער געביידע, וואָס איז געשטאַנען הויך, אויף אַ גראָז־באַוואַקסן בערגל. ביים אריינגאַנג פון דער געביידע האָט געבלאַנקט אַ מעשענע שילד: „קימפּעטאָרן־שפּיטאָל". די יונגע פרוי איז שווערלעך ארויסגעגאַנ־גען פון דער טעקסי. דער מאַן האָט איר צערטלעך געהאָלפן. דאַן האָט ער מיר באַצאָלט. מיך געלויבט פאַר מיין פּאָרזיכטיג טרייבן די קאַר און ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז אין צוויי וואָכן ארום, ווען ער וועט, אים ירצה השם, קומען ארויס־נעמען פון דאַנען זיין ווייב, זאָל ער מיר ווידער קענען געבן דעם „דזשאָב" . . .

איך האָב דאָס אים געוואונטשן פון גאַנצן הארצן. נאָר וואָס דען? האָב איך אים געוואָרנט: צ ו ר י ק ו ו ע ג ם וועט אים דער „דזשאָב" קאָסטן טייערער. פאַר דריי מענטשן רעכן איך מער . . .

ער האָט מיך פאַרשטאַנען. אַ נייַ לעבן האָט געדאַרפט קומען אויף דער וועלט און מיר האָבן אַלע דריי געשמייכלט גליקלעך.

אַ צווייט בילד:

אַביסל שפּעטער פיר איך אַ מאַמע מיט איר יונג טעכטערל צו איר „גראַדיואיישאָן" פון פּאָבליק־סקול. אויך זיי פילן זיך גליקלעך און פול מיט האָפענונג. דאָס יונגע קינד איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסער חופּה־קלייד און באַשטעקט מיט לעבעדיגע בלומען. אויך זייער פרייד האָט ארומגענומען מיין האַרץ.

אַ דריט בילד:

איך שטיי מיט מיין טעקסי צווישן אַ שורה אַנדערע טעקסי־קעבס. מיר זיינען געדונגען געוואָרן צו אַ חתונה, כדי צו פירן די מחותנים אין שול אַריין צו חופּה וקדושין. איך בין געווען דער

ערשטער אין דער שורה און אויף מיין גורל איז אויסגעפאלן צו פירן די חתן־כלה. מען האט אונדז באשאטן מיט רייז, מיט ברכות, מיט טרערן.

א פערט בילד — דאס לעצטע:

אין עטלעכע טעג ארום איז מיר אויסגעקומען נאכצופארן א לויה. דארט האב איך זיך שוין אנגעהערט מיט יללות און געוויין. צוגעזען ווי א שווארצער קאסטן ווערט אראפגעלאזט אין דער קאלטער ערד . . . ווי מ׳רייסט קריעה ביי אן אלמנה און פיר קליינע יתומים׳לעך . . .

א ווילד־פרעמדער, דער טעקסי־טרייבער, צווישן פרעמדע מענטשן, אבער ער לעבט מיט מיט יענעמ׳ס לעבן; פרייט זיך מיט מיט יענעמ׳ס פרייד; טרויערט מיט אין יענעמ׳ס צער און אומ־גליק . . .

א טשיקאווע מיידל

ארום פיר אזייגער, אין א פארטאג, האב איך געזען ווי אויף דער 5־טער עוועניו, גייט זיך א וואונדערשיין מיידל גאנץ אליין. זי איז געווען אנגעטאן אין א טייער קלייד, וואס האט אזש פארכאפט דאס אויג. איך האב גענומען פארן לאנגזאמער און געקוקט אויף איר. אפשר וויל זי א טעקסי. זי האט מיר טאקע געגעבן א צייכן און איך בין געבליבן שטיין. איך האב באמערקט, אז ביים אריינ־זעצן זיך אין דער קאר האט זי געוויינט. איך ווארט זי זאל מיר זאגן וואוהין זי וויל פארן, אבער דאס ערשטע, וואס זי האט ארויס־גערעדט איז געווען:

— איך האב קיין געלט ניט, שאופער!

דאס האט מיר אויסגעזען ווילד.

— וואוהין ווילט איר פארן, מיס? — פרעג איך זי.

— קיין קאליפארניע, — ענטפערט זי מיר קורץ און דייטלעך.

איך בין געבליבן אביסל צעמישט. איך האב מיר געטראכט, אז ס׳איז בעסער ניט צו לאכן. איך האב זי געפרעגט, ווי אזוי איז דאס מעגלעך צו פארן אין א טעקסי אזש קיין קאליפארניע? און זי ענטפערט מיר, אז איר ארט ניט, אבי זי זאל נאר קענען אנקומ־מען אהין ניט שפעטער ווי צוויי אזייגער נאכמיטאג. מיר איז איינ־

געפאַלן, אַז דאָס מיידל איז אפשר אַביסל צעדרייט.

איך האָב זי געפרעגט, צי ווייסט זי וואו זי געפינט זיך איצט? האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי הייבט ניט אָן צו וויסן. ווען איך האָב איר ענדלעך געזאָגט, אַז זי געפינט זיך אין ניו־יאָרק, האָט זי זיך צעלאַכט:

— גוֹדי, גוֹדי! אויב אַזוי פיר מיך צו צום „דיקסי" האָטעל.

איך האָב דאָרט אַ חבר'טאָרן.

איך בין געקומען צום שלוס, אַז דאָס מיידל האָט מסתמא פאַרלוירן דעם זכרון.

ביים „דיקסי" האָטעל איז זי אַרויס פון דער טעקסי, האָט מיר זייער שיין באַדאַנקט און מיר אָנגעזאָגט:

— לאָז גריסן דער מאַמען מיטן „דער" — און איז אַריינגעגאַנגען אין דעם האָטעל.

אפשר פאַרשטייט איר, וואָס עס איז געווען דער מער מיטן מיידל?

אַ שוך פון הימל

פאַרבייפאָרנדיג לעקסינגטאָן עוועניו און 65־טע גאַס, אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג, פליט אויף מיר פּלוצלינג, ווי פונם הימל אַראָפּ, אַ שוך. איך האָב נייגעריג אָפּגעשטעלט די טעקסי, בין אַראָפּגעקראָכן און אויפגעהויבן דעם שוך. אַ טייערער, פונק־נייער, לינקער מענערשער שוך. ס'איז נומער 9 און אַ האַלב. פּונקט דער נומער וואָס איך טראָג. איך בין געבליבן שטיין און זיך איינגעקוקט אין דער הויך, צו די פענצטער פון עפּעס אַן האָטעל, ווי וואַרטנדיג, אַז דער צווייטער שוך, דער רעכטער, זאָל אויך אַרונטערפליען. אין די נאַסע וועטערן וואָלטן מיר אַזאַ פּאָר שיך גוט צונוץ געקומען. איך וואָלט באַדאַי עפּעס צוגעצאָלט, אַז מ'זאָל מיר אַרונטערוואַרפן דעם צווייטן שוך.

פּלוצלינג איז מיר איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק. ס'אַ לינקער שוך . . . גוט! . . . איך האָב אַ באַקאַנטן, וואָס האַלט אַ צייטונג־סטענד אויף דער 23־טער גאַס. ער וואָלט געקענט נוצן אָט דעם שוך. דער דאָזיגער באַקאַנטער מיינער, ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער וועלט־מלחמה, האָט אים געפעלט דער רעכטער פוס . . .

דער טעות

איינמאָל, אין אַ קאַלטער,ווינטיקער נאַכט, האָט מיך אויף יוניווערסיטי עווענו, אין די בראָנקס, אָפּגעשטעלט אַ פיינער, עלטערער מאַן. ער האָט מיר אָנגעגעבן אַן אַדרעס, אַז איך זאָל אים ערגעץ צופירן און, פונקט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געהאַלטן אין אַריינזעצן אין דער טעקסי, האָט זיך אין אים אָנגעשלאָגן אַ יונגערמאַן, וואָס איז גראָד, איילנדיק, פאַרבייגעגאַנגען מיטן קאָפּ טיף אָנגעבויגן, כדי דער ווינט זאָל אים ניט אַראָפּטראָגן דעם הוט. מיין פּאַסאַזשיר האָט זיך געגומען בייזערן; דער פאַרבייגייער האָט זיך זייער איידל אַנטשולדיגט און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען.

ביים אַריינקריכן אין דער טעקסי האָט מיין פּאַסאַזשיר זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן, אַז ס'פעלט אים זיין זייגער און קייטל, וואָס ער האָט ערשט געטראָגן אין זיין וועסט־קעשענע. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעשלאָגן, ביי אים אָפּגעטשעפּעט דעם זייגער און קייטל. ער האָט זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג, וואוהין דער גנב איז אַוועק. ער איז אָבער געווען צו אַלט און ס'איז אים שווער געווען צו לויפן.

— סעי, שאָופער, לויף נאָך יענעם מאַן און כאַפּ אים, — האָט ער צו מיר אויסגעשריען אַ צעקאָכטער, — ער האָט ביי מיר אַרויסגעשלעפּט מיין זייגער און קייטל. אָט לויפט ער דאָרט אַרונ־טער דעם ראָג.

אין מיר אַליין האָט אויפגעוואַכט אַ שרעקלעכער צאָרן צו דעם אומפאַרשעמטן קעשענע־גנב. איך בין אַרונטערגעלאָפן דעם ראָג, וואוהין ער האָט זיך פאַרקירעוועט. איך האָב אים אָבער שוין ניט אָנגעזען. ער איז ווי אין דער ערד אַריין. איך בין אָפּגעלאָפן דעם גאַנצן בלאָק ביזן אַנדערן ראָג — ניטאָ אים!

פּלוצלינג זע איך, ווי ער קומט אַרויס פון אַ פינצטערער הויז, גלייך ווי ניט אים מיינט מען, און לאָזט זיך, כלומרשט, אַריבער־גיין די גאַס. מיט עטלעכע שפּרונג בין איך שוין געווען לעבן אים.

— עס וועט דיר ניט העלפן דאָס פאַרשטעלן זיך, — האָב איך אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און גענומען שלעפּן צו דער טעקסי, וואו מיין פּאַסאַזשיר האָט געוואַרט, — גיב שוין אָפּ דעם זייגער און קייטל, וואָרום איך צעברעך דיר דיינע ביינער.

— שלאָג אים ניט, — האָט מיר באַפוילן מיין פּאַסאַזשיר, —

נעם נאָר ביי אים אַוועק דעם זייגער און קייטל און לאָז אים גיין; איך האָב ניט קיין צייט צו באַלעמוטשען מיט אים; מ'זעט סאַי־ווי־סאַי ניט קיין פּאָליסמאַן.

— איך בעט אייך, האָט רחמנות, שלאָגט מיך ניט, — האָט דער גנב זיך גענומען בעטן, — איך בין אַ טאַטע פון קינדער.

— גיב אַהער דעם זייגער און קייטל, דו „רעט", — האָב איך אים באַפוילן.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע דעם זייגער און קייטל און זיי מיר דערלאַנגט.

— אַ טאַטע פון קינדער? — האָב איך אים איבערגעקרימט מיט נצחון, — ס'איז דיין מזל, וואָס מיר ווילן ניט באַלעמוטשען מיט דיר, גיי!

און איך האָב אים אָפּגעשטויסן פון זיך מיט פאַראַכטונג.

איך האָב איבערגעגעבן דעם זייגער און קייטל צו מיין פּאַסאַזשיר און גענומען פאָרן צום פּלאַץ, וואוהין ער האָט מיר געהייסן.

— דו ביזט אַ בראַווער יונג, — האָט ער מיך געלויבט, — דו האָסט אויפגעטאָן אַ גוט שטיקל אַרבעט און איך וועל דיך דערפאַר באַלוינען.

אָפּפאָרנדיג עטלעכע גאַסן, הער איך ווי מיין פּאַרשוין שרייט פּלוצלינג אויס:

— העי, שאָופער, בלייב נאָר שטיין! האָסט אפשר ליכט אין דער קאָר?

איך בין געבליבן שטיין און, אָנדריקנדיג דאָס עלעקטרישע קנעפּל, האָב איך געמאַכט ליכטיג אין דער קאַר.

איך זע, ווי מיין פּאַסאַזשיר זיצט אַ טויט־דערשראָקענער און האַלט דעם זייגער און קייטל אין דער האַנט אַקעגן דעם עלעקטרישן לעמפּל.

— דער זייגער און קייטל זיינען ניט מיינע, — האָט ער גע־שטאַמלט, — מיין זייגער איז געווען אַ זילבערנער און דער איז אַ גאָלדענער, און דאָס קייטל איז אויך ניט מיינס.

איך האָב געמיינט אַז דער מענטש רעדט פון וועג.

— מיר האָבן, דוכט זיך, געמאַכט אַ שרעקלעכן טעות, — האָט ער ווייטער גערעדט, — מיר האָבן באַרויבט אַן אומשולדיגן מאַן . . דער חברה־מאַן, וואָס האָט ביי מיר אַרויסגעשלעפּט דעם זייגער, איז טאַקע אַנטלאָפן און דער יונגערמאַן, וואָס דו האָסט געבראַכט צע־

שלעפּן, האָט אין דער פינצטער נאָר אויסגעזען ווי דער גנבֿ . . .
ער האָט געהערט אַז מיר פאַרלאַנגען פון אים אַ זייגער און קייטל
האָט ער געמיינט אַז מיר זיינען האַלדאַפּניקעס, האָט ער אונז אָפּ־
געגעבן זיין אייגענעם זייגער און קייטל, כדי צו ראַטעווען זיך דאָס
לעבן . . . פאַרשטייסט?
געוויס האָב איך פאַרשטאַנען. איך האָב אָבער ניט געוואוסט,
וואָס מען הייבט אָן צו טאָן, כדי גוט צו מאַכן דעם טעות, וואָס
מיר האָבן דאָ אָנגעאַרבעט . . .

סודות פון טאַימס־סקווער

איך האָב געמיינט אַז איך בין דער קליגסטער „טעקסי־מאַן"
אין גאַנץ ניו־יאָרק; אַז איך ווייס אַלצדינג; אַז ס'איז ניטאָ מער
קיין „רעקעט", וואָס איך זאָל ניט פאַרשטיין; אַז עמעצער זאָל מיך
קענען איבערקליגערן.
ציינט זיך אָבער אַרויס אַז איך בין נאָך אַלץ גרין ווי גראָז.
דאָס פּנים פלאַמט מיר אַזש פאַר בושה, שרייבנדיג וועגן דעם, ווי
איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ „קליפּ־געים", אין אַ שפּיל אַזא, וואו
מ'האָט מיר אויסגעליידיגט די קעשענעס ביזן לעצטן סענט.
ס'איז געווען אין אַ ווינטערדיגן פאַרטאָג, אַרום דריי אַזייגער.
אַן אויסגעפּוצטער „דזשענטעלמען" האָט מיך אָפּגעשטעלט אויף
„טאַימס־סקווער". ער האָט מיר געהייסן איך זאָל אים פירן אהיים,
ערגעץ אויף וואַלטאָן עוועניו, אין די בראָנקס. דעם גאַנצן וועג
האָט דער דזשענטעלמען, וועלכער האָט אויסגעזען אביסל פאַר־
טרונקען, געהאַלטן אין איין רעדן מיט מיר און אין דער צייט, ביז
מיר זיינען געקומען אויף וואַלטאָן עוועניו, זיינען מיר שוין געווען
גוטע פריינט.
אַרויסקריכנדיג פון דער טעקסי, האָט ער באַמערקט, אַז ער
וואָלט מיר געקויפט אַ „טרונק", אָבער קיין „באַר" איז ניט געווען
אָפן איז אַזא שפּעטער שטונדע. איך האָב אים באַרואיגט און גע־
זאָגט, אַז איך טרינק סאַי־ווי־סאַי ניט, ווען איך טרייב די קאַר. דאַן
האָט ער מיך געפרעגט, וויפיל מיר קומט פון אים פאַר דער רייזע
און ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקל געלט פון דער קעשענע, וואָס
האָט מיר אַזש פאַרכאַפּט דאָס אויג. דאָס פּעקל איז באַשטאַנען

פון בלויז „צענערלעך" און „צוואַנציגערס". ער האָט מיר דער־לאַנגט איין צענערל און איך האָב אים געגעבן רעשט. ער האָט מיך „געטיפּט" מיט אַ האַלבן דאָלער און געזאָגט: „קום אַרויף, ביי מיר שטייט אַ גוט ביסל בראַנפן. ס'איז קאַלט, און אַ קליין ביסל וועט דיר ניט שאַטן".

דאָס פיינקייט און איידלקייט פון דעם מענטשן האָט ניט דער־לאָזט, אַז איך זאָל אים אָפּזאָגן. און באַלד זיינען מיר מיטן עלע־וייטער אַרויף צו אים אין אַפּאַרטמענט. ער האָט מיר געהייסן זיך צוזעצן אויף אַ ווייַלע, ביז ער וועט אַריינברענגען דאָס ביסל בראַנפן. קיינער אחוץ אונדז איז אין הויז ניט געווען.

דאָס צימער, אין וועלכן איך האָב זיך געפונען, איז געווען אויסגעבעט מיט אַ טייערן טעפּעך און אויסגעשטעלט מיט טייערע מעבל. אינמיטן איז געשטאַנען אַ קליינער „ברידזש־טייבל" (אַ קאָרטן־טישל), אויף וועלכן עס זיינען געלעגן פינעף „דאַיעס" (אַזעלכע פיר־עקיגע גלעזערנע קלעצעלעך, געפּינטלט ווי דאָמינאָס, וואָס געמבלערס באַנוצן זיך מיט זיי אין אַ שפּיל, וואָס רופט זיך „קרעפּ־שוטינג"). איך בין צוגעגאַנגען און גענומען אונטערוואַרפן די דאַיס אין דער לופטן. איך האָב דאָס געטאָן אומבאַוואוסטזיניג. יעדנפאַלס, דאָס האָט מיך דערמאָנט אין דער צייט, ווען איך אַליין האָב פאַרטריבן אַ סך צייט מיט אָט די „קלעצעלעך" . . . פּונקט דעמאָלט איז מיין פּאַרשוין צוריק אַריינגעקומען, טראָגנדיג צוויי פולע גלעזלעך מיט שנאַפּס. ער האָט באַמערקט ווי איך האָב אונטערגעשפּילט זיך מיט די „דאַיס" און האָט מיט אַ געלעכטער געפרעגט:

— דו ווייסט אויך ווי מ'שפּילט אָט די „געים"?

מיינע געדאַנקען האָבן זיך אומגעקערט צום פּעקל געלט, וואָס דער מאַן האָט ערשט געהאַלטן אין דער האַנט און איך האָב גע־ענטפערט:

— יאָ . . . אויב איר ווילט לאָמיר „ראָלען" אַ פּאָר מאָל.

און מיר האָבן זיך ביידע געשטעלט אויף די קני און גענומען „ראָלען די דאַיס" . . .

נו, מילא! איר ווייסט דאָך שוין אַליין, וואָס דער סוף איז געווען. ווען איך האָב זיך צוריק אויפגעשטעלט פון דעם ווייכן טעפּעך, בין איך געווען איינגאַנצן אויסגערייניגט. דער „דזשענטעל־מען" האָט ביי מיר אָפּגעוואונען מיין גאַנצע נאַכט'ס פאַרדינסט — צוועלף דאָלער.

אביסל שפעטער, ווען איך האב געטריבן די טעקסי צוריק אין גאראדזש אריין, האב איך זיך דערמאנט, וואס מיינער א חבר, „לעפטי" לענאוויץ, פלעגט שטענדיג זאגן:

— דאס גאנצע לעבן וועסטו טרייבן א טעקסי און קיינמאל ניט דערגיין די סודות פון „טאימס־סקווער" . . .

דער „דזשיגאלא"

ביי איינעם פון די נאכט־קלובן, ארום בראדוויי, האב איך אויפגענומען א פארל, א יונגערמאן און א מיידל. זיי האבן מיר געהייסן פארן ערגעץ ארום דאיקמאן סטריט־„פערי" און, נאך איידער איך האב זיך גערירט פון ארט, האבן זיי זיך שוין איינגעטוליעט איינער אין אנדערן און זיך גענומען קושן.

זיי האבן מיר געהייסן בלייבן שטיין עטלעכע הייזער ווייט פון דעם אנגעגעבענעם אדרעס. דאס איז שוין אן אלטער קונץ, ווען דאס מיידל־פריינט האט גאר א מאן אדער שטרענגן טאטן, וואס האט ניט ליב אזא אהיימקומען שפעט ביינאכט.

האבן זיי זיך צעקושט „גוט־נאכט" און דאס מיידל איז אוועקגעגאנגען און דער יונגערמאן האט מיר געהייסן ווארטן אביסל, איידער איך וועל אים צוריקפירן. איך זע, דאס מיידל גייט צו צו א קליין הילצערן הייזל, וואס האט גיכער אויסגעזען ווי א שטאל, איידער א הויז, אין וועלכן עס וואוינען מענטשן. עס האט אפילו קיין גלעקל ניט געהאט אויף אנצעקלינגען. האט זי אנגעקלאפט אין פענצטער. קיינער האט ניט געענטפערט. זי האט אנגעקלאפט שטארקער א צווייט מאל.

אין עטלעכע מינוט ארום האט א מאן, אנגעטאן אין בלויזע אונטערוועש, אויפגעמאכט דאס פענצטער, ארויסגעשטעקט דעם קאפ און זיך ארומגעקוקט ווער עס קלאפט.

— „האני", — האט דאס מיידל געבעטן, — עפן אויף.

דער מאן אין די אונטערוועש האט א קוק געטאן צום הימל. עס האט שוין אנגעהויבן צו טאגן און אז ער צעשרייט זיך דאס:

— וואס מיינסטו, אהיימקומען אזוי שפעט. פארנעם זיך צוריק צו דיין „דזשיגאלא", מיט וועמען דו האסט געהוליעט א גאנצע נאכט.

און קנאק! צוגעמאכט צוריק דאס פענצטער.

און דער בחור ביי מיר אין קאר בויגט זיך אן צו מיר און זאגט שטארק פארדראסיג:

— וואס זאגסטו ניט צו דעם? ער וויל זי ניט אריינלאזן, דער מנוול! ער איז איר מאן און ער וויל זי ניט אריינלאזן! האסטו שוין געזען אזא זאך? ביזטו א מבין דערויף? . . .

אן לשון

ביים „גרענד־סענטראל סטיישאן” האב איך אויפגענומען צוויי מענער. זיי האבן ניט געקענט קיין ווארט ענגליש. קיינער האט ניט פארשטאנען זייער לשון און קיינער האט ניט געקענט טרעפן אפילו פון וועלכן לאנד זיי קומען. דאס איינציגע, וואס זיי האבן געטאן איז געווען נאר מאכן מיט די הענט. זיי האבן געפרואווט מיר זאגן וואוהין זיי ווילן פארן. איך האב אבער גארניט פארשטאנען.

איך בין מיט זיי צוגעפארן עטלעכע בלאק צו דער אכטער עוועניו און אויפגעזוכט א פריינט מיינעם, וואס האט געקענט, דוכט זיך, אלע שפראכן פון דער וועלט. ער האט באלד געוואוסט, וואס מיינע פארשוינען ווילן. זיי האבן גערעדט אראביש און האבן געוואלט פארן צום „גרענד־סענטראל סטיישאן”, צום זעלבן פלאץ, פונוואנען איך האב זיי ערשט ארויסגעפירט.

יעדנפאלס, דער פארגעניגן האט זיי געקאסט אכציג סענט.

א שפיצל

שוין צוויי שטונדן ווי איך טרייב מיך ארום מיט מיין טעקסי איבער דער שטאט און געפין ניט קיין ארבעט. איך שטעל זיך אפ ביים „רידזשוואוד” האטעל. איך האב געהערט, אז די טעקסי־לייט ביי דעם האטעל מאכן ניט אוים שלעכט. קומט צו מיר צו אייגער פון די שאופערס, וואס ארבעטן דארט שטענדיג, און זאגט צו מיר אביסל ברוגז'לעך:

— דזשאַני, דאָס זאָל דיר זיין דאָס לעצטע מאָל צו אַרבעטן דאָ ביי דעם האָטעל. קריג דיר איצט אַ פּאַסאַזשיר, אָבער איך וויל דיך דאָ מער ניט זען צוריק. פאַרשטייסט? מיר האָבן דאָ גענוג אָן דיר.

— יע—ע! — ווער איך אַנגעשטויסן אויף דעם וואַוילן־יונג,

— איך האָב „לאַיסענס" און איך וועל „העקן" וואו נאָר איך פאַרשטיי, אַז איך קאָן מאַכן אַ דאָלער.

— אַ קעץ! — גיט דער שאָופער אַ וואָרטשע און טרעט אָפּ פון מיר.

אין עטלעכע מינוט אַרום קומט צו מיר צו אַ פּאַסאַזשיר, אַן עלטערער, שיין־געקליידעטער מאַן.

— בראָדוויי און 86־טע גאַס, — באַפעלט ער מיר, — אָבער שנעל, איך בעט דיך.

איך האָב, איילנדיג, געלאָזט גיין דעם מאָטאָר, בשעת דער פאַרשוין האָט זיך אַריינגעזעצט און צוגעקלאַפּט דאָס טירל פון דער קאַר.

אָפּפאָרנדיג אַ צען בלאָק האָב איך, צופעליג, געכאַפּט אַ קוק אינעווייניג אין דער טעקסי, ערשט, קיינער איז דאָרט ניטאָ . . . וואו איז מיין פאַרשוין?

ניטאָ אים — — — די קאַר איז ליידיג — — —

איך האָב פאַרשטאַנען אַז חברה האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. זיי איז אַפּנים ניט געפעלן געוואָרן צוצוקריגן אַ נייעם טעקסי־מאַן ביי זייער האָטעל, האָבן זיי מיר אונטערגעשיקט אַ „פאָני" פּאַסאַזשיר. דער פּאַסאַזשיר האָט זיך אָבער ניט אַריינגעזעצט אין דער קאַר. ער האָט נאָר קונציג אַ קלאַפּ געטאָן מיטן טירל און איז געבליבן הינטער דער טעקסי. איך בין דערווייל אָפּגעפאָרן פון דעם האָטעל מיט גאָרניט, און איך האָב נאָך געמוזט צוטראָגן פון מיין אייגענער קעשענע דרייסיג סענט, וואָס דער „זייגער" איז דערווייל אָנגעלאָפן.

אַ מזל'דיגער פּלאַץ

ווען איך האָב נאָר אַ געלעגנהייט שטעל איך זיך אָפּ אויף טרימאָנט, קאָרנער קראָטאָנאַ עוועניו. אַ מזל'דיג פּלאַץ פאַר ביזנעס.

איך האָב ערשט דאָרטן אויפגענומען א יונג פּאָר־פּאָלק, וועל־
כע האָבן זיך געהייסן פירן אויף דער 149־טער גאס און דריטע
עוועניו. זיי האָבן מיר באַצאָלט און איך האָב זיך ווידער צוריק־
געקערט צו דעם מזל'דיגן קאָרנער.

איך קום צוריק — ערשט דאָסזעלביגע פּאָר־פּאָלק שטייט ווי־
דער דאָרט. איך בין געווען נשתומם. איך האָב דאָך, דוכט זיך,
זיי ערשט איבערגעלאָזט אויף דער 149־טער גאס.

— טעקסי, — האָבן זיי זיך מיט מיר דערפרייט, דערזעענדיג
מיך, — מיר זיינען ערשט צוריקגעקומען און מיר וואַרטן אויף דיר.

און דאָס פּאָרל גיט זיך א לאָז צו מיין קאַר, מאַכן אויף דאָס
טירל און איך הער א גליקלעכן אויסגעשריי:

— ס'איז דאָ! ס'איז דאָ!

זיי האָבן דאָרט געפונען א לעדערנעם האַנט־בייטל און, דוכט
זיך, מיט א סך געלט, וואָס די יונגע פרוי האָט דאָרט פאַרגעסן,
אויסשטייגנדיג אין איילעניש.

און איך בין אזוי מיטן האַנט־בייטל ארומגעפאָרן איבער גאַנץ
בראָנקס און געזוכט פּאַסאַזשירן.

האָב איך שוין דאָס פּאָרל ווידער אוועקגעפירט אויף דער
149־טער גאס און ווידער פאַרדינט 80 סענט.

ערשט נאָכדעם האָב איך זיך אויפסניי אומגעקערט צו דעם
מזל'דיגן קאָרנער.

א שנעלע רייזע

עס איז געווען א קאַלטע ווינטער־נאַכט. איך האָב זיך אָפּ־
געשטעלט מיט מיין טעקסי אויף דער 57־טער גאס און 8־טער
עוועניו, כדי זיך אָפּצורוען פון מיין לאַנגן ארומפאָרן איבער דער
שטאָט. זיצנדיג אזוי איינגעטוליעט אין מיין שווערן מאַנטל, האָב
איך איינגעדרעמלט.

פּלוצלינג הער איך ווי א שניידנדיג, שאַרף קול'כעלע וועקט מיך
פון שלאָף:

—העי, טעקסי! דו שלאָפסט גאָר? קאָם אָן, פיר מיך אוועק
אויף בעי 29־טער גאס . . . מאַך עס שנעל . . .

א מאַן שטייט לעבן מיר און טאָרקעט מיך. עס שטינקט פון

אים בראַנפֿן און קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פֿיס.
— ריר זיך, דו פֿוילער ביין! — האָט ער געליאַרעמט, — וואָס מיינסטו בין איך דיר, אַ גרינהאָרן? . . . ווילסט אפשר ניט? איך טו נאָר איין פּיפּס, נעמט מען ביי דיר אוועק די לאַיסענס . . . איך וועל דיך פֿאַרקלאָגן צום מעיאָר . . . דו מוזט מיך פֿירן . . . דו מוזט יעדן איינעם פֿירן . . . דו ביזט אַ „פּאַבליק העק־דרייווער".
און ער קריכט אריין אין דער טעקסי, פֿאַררוקט זיך אין אַ ווינקל און הערט ניט אויף צו שרייען:
— פֿיר מיך אויף בעי 29־טע גאַס, זאָגט מען דיר, אין ברוקלין . . דו וועסט מיך טאַקע באַלד צוריקפֿירן . . . פֿאַרשטייסט? אהין און צוריק . . . דו קריגסט ביי מיר צען דאָלער . . . אַלעמאָל באַצאָל איך צען דאָלער, כאָטש דיין לויזיגער זייגער גייט ניט מער ווי אַכט דאָלער . . . וואָס מיינסטו בין איך דיר, עפּעס אַ „סקאָנק"?
און ער פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ אויף צוריק און הויבט אָן צו כראָפּען.
איך באַטראַכט דעם פֿאַרשוין און קען ניט באַשליסן, וואָס צו טאָן? ווי פֿירט מען אַ שיכור אזוי ווייט? אפשר האָט ער גאָר קיין געלט ניט? איך פֿאָר מיט אים צו אַרום דעם ראָג, בלייב שטיין לעבן אַ רעסטאָראַן און בין מיך מישב מיט אַן אַנדער טעקסי־שאָופער.
— וואַרף אים אַרויס אויף צוויי שפּענדלעך, — עצה'ט מיך מיין חבר, — וואָס וועסטו אים טאָן, אויב ער האָט קיין געלט ניט? וועסט אים פֿאַרקלאָגן צום ונתנה תוקף?
בין איך אַרומגעפֿאָרן דעם בלאָק און האָב מיין פֿאַרשוין צוריקגעבראַכט פֿונוואַנען איך האָב אים גענומען.
— העי, דאָקטאָר, — האָב איך אים אַ שטויס געטאָן, — קריך אַרויס . . . נאַטינג דואינג! . . .
דער שיכור האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אויפֿגעעפֿנט צוויי רויטע אויגן און מיך אָנגעקוקט.
— קריך אַרויס! — באַפֿעל איך אים.
איך האָב זיך געריכט אויף אַביסל צרות. ער איז אָבער גוטמוטיג אַרויסגעקראָכן פֿון דער טעקסי און זיך אַרומגעקוקט.
— וואו בין איך דאָ ערגעץ? — האָט ער מיך געפֿרעגט.
— דו ביזט אויף דער 57־טער גאַס, — האָב איך אים געענטפֿערט, — דו זעסט וואו דו ביזט.

— ריכטיג, ריכטיג, — האָט ער געוואָרטשעט, קראַצנדיג זיך, — נאָ, דאָ האָסטו דיין געלט.

ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי קנאַקענדיגע פינפערלעך.

— דאָס איז פאַרן פאָרן . . . פאַרן „ראַיד" . . . דו האָסט עס געמאַכט זייער שנעל . . . אַלעמאָל צאָל איך צען דאָלער . . . וואָס מיינסטו בין איך עפּעס, אַ „סקאַנק"?

און איידער איך האָב צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט ער זיך, שאָקלענדיג און רעדנדיג צו זיך אַליין, פאַרנומען הינטערן קאָרנער און איך האָב אים שוין מער ניט געזען.

„אינסאָמניאַ"

פאָרנדיג איינמאָל דורך דער 39־טער גאַס צווישן פּאַרק און מעדיסאָן עוועניו, אַרום פיר אַזייגער פּאַרטאָג, זע איך, ווי אַ מאַן אין בלויזע פּאַדזשאַמעס דרייט זיך אַרום אויפן טראָטואַר הין און צוריק. נאַטירלעך, קיין מענטשן זעט מען ניט אין אַזאַ שטונדע. איך בין געווען נייגעריג צו וויסן, ווער דער מאַן איז, אין די פּאַדזשאַמעס און וואָס ער דרייט זיך דאָ אַרום. איך פאָר צו נאָענט און ער גייט צו צו מיין טעקסי. מיר האָט אויסגעזען, אַז ער זוכט עמיצן צו רעדן.

ער האָט מיר דערציילט אַז ער איז אַ קרבן פון אַזאַ מין קראַנקהייט וואָס הייסט „אינסאָמניע". ער קען ניט שלאָפן דורך די נעכט און דאָס טרייבט אים צו משוגעת. אפשר וועל איך פאַר־ברענגען מיט אים אַביסל און עס וועט אים ווערן גרינגער. ער וועט מיר באַצאָלן פאַר דער צייט. איך האָב אויף אים רחמנות געהאַט און האָב גערעדט מיט אים. ער האָט מיר געהייסן אָנשטעלן דעם טעקסי־זייגער כדי צו זען וויפיל צייט איך וועל מיט אים פאַר־ברענגען און ער האָט מיר באַצאָלט 75 סענט, וואָס דער זייגער האָט רעגיסטרירט אין דער צייט, וואָס מיר האָבן גערעדט. ער האָט מיר נאָך צוגעלייגט אַן עקסטרע קוואָדער אַלס „טיפּ". און ער איז מיר געווען זייער דאַנקבאַר פאַר מיין פריינטלעכקייט.

שרעק

איך בין געפאָרן מיט א יונג פּאָרל דורך סענטראַל פּארק. ס׳איז שוין געווען א שטיק אין חער נאכט און זיי האָבן מיר געהייסן פאָרן דורך די שטילסטע און טונקלסטע אַלייען.

אָנפאַנגס האָבן זיי זיך פארהאַלטן רואיג. געזעסן און גע־שמועסט גאַנץ געמיטלעך, אָבער פּלוצלינג האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו אַמפּערן. ער האָט זיך אויף איר צעשריען:

— דזשים איז א צו־אַפּטער אריינגייער צו דיר אין הויז . . . איך גלייך דאָס ניט . . .

— ביזט אייפערזיכטיג? — האָט זיך דאָס מיידל מיט אים געריצט.

— דאָס מוז נעמען א סוף, — האָט ער ניט אויפגעהערט זיך צו קאָכן.

זיי האָבן ווידער גערעדט עפּעס אינדערשטיל. פּלוצלונג הער איך דייטלעך, ווי דאָס מיידל שרייט אוים:

— הערי, לייג אוועק דעם רעוואָלווער . . . איך בעט דיך . . . באַרעכן, וואָס דו טוסט! . . .

איך האָב געגעבן א שטעל־אָפּ די טעקסי פּונקט אונטער א גרויסן, עלעקטרישן לאָמפּ. איך בין פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון מיין זיץ און אויפגעמאכט האָס טירל.

— מיסטער, האַלט . . . — האָב איך אָנגעהויבן, אָבער די ווערטער זיינען מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז.

איך זע, דאָס פּאָרל זיצט זיך אזוי רואיג מיט פארלייגטע הענט און זיי שמייכלען. קיין סימן פון א רעוואָלווער און פון קריגעריי.

— ס׳איז אָלרייט, דזשאַני, — מאכט צו מיר דער יונגערמאַן,

— שרעק זיך ניט. איך וועל זי ניט דערשיסן . . . דאָס חזר׳ן מיר אונדזערע ראָלן פאַר דער ראַדיאָ . . מיר זיינען אַקטיאָרן און מיר פירן היינט אויף אזא מין „סקעטש” . . . איצט פיר אונדז צו צו דער „ראַדיאָ־סיטי”.

וואָס מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט די נאכט און יענע נאכט, זאָל אויסגיין צו זייערע קעפּ!

„גיוו מי יור לאַיסענס!"

איך פֿאָר אַזוי אויף לעקסינגטאָן עוועניו, אין האַרלעם. פֿאַר מיר טרייבט איינער אַן אַנדער טעקסי, אַ „טשעקער" און עס איז געווען שוין איינמאָל אַ טרייבן. אַט דרייט ער זיך לינקס, אַט — רעכטס, בלאָזט דעם האָרן אַזש טויב צו ווערן, כאָטש קיינער איז אים ניט געווען אין וועג. אַט צעלאָזט ער זיך הענדום־פּענדום, יאָגט זיך, ווי אַ משוגע'נער, אַפּגעריסן פֿון אַ קייט, און אַט שוואַכט ער אָפּ און קריכט ווי אַ טשערעפּאַכע. ניט אַנדערש ער איז שיכור, אָדער ער איז אַזוי עפּעס אַ גרינער טרייבער, וואָס ווייסט ניט פֿון זיינע הענט־און־פֿיס.

מיט אַמאָל דערזעט ער ווי די טראַפיק־לאַמפּן האָבן זיך גע־ביטען אויף רויט. נו־נו! האָט דער בחור פֿלוצלינג אַ טרעט גע־טאָן אויף די „ברעיקס" מיט אַזאַ כוח, גלייך ער האָט געוואָלט זיי איינגראָבן אין דער ערד אַריין און ער בלייבט אַזוי שטיין „קורץ". איך, ניט דערוואַרטנדיג אַזאַ אָפּשטעל, בין מיט מיין קאַר אַריין אין דעם אָרימען „טשעקער" און אים אַזוי נישט־קשה'דיג צע־רעכטגעמאַכט דעם הינטן.

האָט איר געמעגט זען, ווי דער טרייבער פֿון דעם „טשעקער" איז אַרויסגעשפּרונגען, ווי אַ ווילדער! צו די צרות איז דאָס נאָך געווען איינער פֿון יענע הייסבלוטיגע איטאַליענער. כאָטש גרויס איז ער געווען ווי אַ טל ומטר אין אַ קליין סידור'ל.

— יו היטאַ מאַי קאַר (דו האָסט אַנגעשלאָגן מיין קאַר), — האָט ער זיך צעגוואַלדעוועט, — יו מעיקאַ די רעק. גימי יור לאַיס (דו האָסט זי באַשעדיגט. גיב מיר דיינע „לאַיסענס").

איך האָב אַפילו ניט געוואָלט איינ'טענה'ען מיט אַזאַ גרינער חיה. קיין פּאָליסמאַן איז גראַד ניט געווען צו דער האַנט. נו, האָב איך אַרויסגענומען מיינע „לאַיסענס" און זיי דערלאַנגט דעם אי־טאַליענער.

וואָס־זשע, מיינט איר, טוט ער? ער לייגט אַריין די „לאַי־סענס" צו זיך אין קעשענע, זעצט זיך צוריק אויף אויף דער טעקסי און פֿאָרט אַוועק.

איך הויב אָן צו שרייען, לויף אים נאָך. ערשט אַ דריי בלאָקס ווייטער האָב איך אים אַנגעיאָגט.

— וואָס ביזטו, משוגע געוואָרן? — פֿרעג איך אים, — גיב

מיר אָפּ מיינע „לאַיסענס”. וואָס איז דער מער מיט דיר?
דער בחור וויל אָבער פון גאָרניט וויסן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ: „נאָ, נאָ!”
עס איז זיך צונויפגעלאָפן א היפּשער עולם. ענדלעך איז אויך אָנגעקומען א פּאָליסמאַן און איך האָב אים דערציילט, וואָס דאָ איז. דער איטאַליענער האָט אָבער דעם פּאָליסמאַן אויך ניט גע־וואָלט אָפּגעבן מיינע „לאַיסענס”.
— מיסטער פּאָליס, — האָט ער גע'טענה'עט, — איך טרייב ערשט צוויי טעג אָט די טעקסי. מיין באַלעבאָס האָט מיר אָנגעזאָגט, אז ווען עמעצער וועט מיר מאַכן אַן עקסידענט, זאָל איך פון יענעם נעמען די לאַיסענס. דאַט'ס אָל . . . מי גאָט היז לאַיס, מי נאָ קער! (נו, האָב איך זיינע לאַיסענס. וואָס אַרט דאָס מיך!).
דער פּאָליסמאַן האָט געדאַרפט רעדן און אַרבעטן איבער אים א האַלבע שטונדע, ביז ער האָט פון אים אַרויסגעקראָגן מיינע „לאַיסענס”.

„פיפטי-פיפטי”

מיר איז אַמאָל אויסגעקומען דורכצולעבן א „האָלד־אָפּ”, וואָס איז גאָרניט ענלעך צו די „האָלד־אָפּס”, וועגן וועלכע איר האָט זיך אָנגעהערט, אָדער אָנגעלייענט אין די צייטונגען. ס'איז געווען א צווייגאָרנדיגער „האָלד־אָפּ”.
אין א שפּעטער נאַכט־שטונדע האָב איך אויפגענומען אויף מיין טעקסי א יונגענמאַן, וואָס האָט זיך געהייסן פירן אין די בראָנקס. באַלד דערויף האָט זיך באַוויזן א צווייטער פּאַסאַזשיר, אַן על־טערער מאַן, וואָס האָט אויך געוואָלט א טעקסי. איך האָב דעם עלטערן מאַן אָפּגעזאָגט, ווייל צוויי באַזונדערע פּאַסאַזשירן אויף איין מאָל איז ניט דערלויבט אויפצונעמען, סיידן זיי דינגען מיך צוזאַמען.
— ס'איז אָלרייט, — זאָגט דער ערשטער, דער אינגערער, — אויב ער פאָרט אויך אין די בראָנקס, נעם אים אויף. וואָס אַרט דיך? וועסטו קריגן באַצאָלט טאָפּלט.
דער אַלטער מאַן האָט טאַקע אויך געוואָלט פאָרן אין די בראָנקס און אים האָט ניט געאַרט צו פאָרן מיטן פרעמדן, ווייל

אזוי שפעט ביינאכט איז געווען שווער צו קריגן אן אנדער טעקסי.

— אָלרייט! מיר וועלן פאָרן צוזאמען, — האָט ער איינגע־וויליגט, — וועט זיין פריילעכער.

איך בין אריבערגעפאָרן די האַרלעם־בריק און זיך פארנומען אויף סאוטערן בולוואַרד. איך בין אזוי געפאָרן א צען מינוט. פּלוצלונג פיל איך ווי א קאַלט רערל פון א רעוואָלווער איז מיר צוגעשטעלט צו מיין נאַקן.

— בלייב שטיין אָט דאָרט ביי די רעילראָוד טרעקס, — הער איך הינטער מיר דעם אַלטנס שעפּטשענדיק קול, — קריך אַרויס און הויב אויף די הענט אין דער הויך . . . דאָס איז א „האָלד־אַפּ״ . . .

עס איז מיר געוואָרן קאַלט אין יעדן אבר. פון שרעק בין איך קוים צוגעפאָרן צו דער זייט גאַס. איך בין געבליבן שטיין און בין ארויסגעקראָכן פון דער קאַר, ווי דער אַלטער האָט מיר באַפוילן. פון אינווייניג אין דער טעקסי האָב איך געהערט דאָס שנאָרכן פון דעם איינגערן פאַרשוין מיינעם, וועלכער איז דאָרט, ווי עס ווייזט אויס, בשעת פאָרן, געשמאַק אנטשלאָפן געוואָרן.

דער „האָלד־אַפּניק״ איז געשטאַנען איבער מיר מיט דער פּליי־צע צו דער טעקסי. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם רע־וואָלווער און מיט דער צווייטער האָט ער מיר דורכגעטרייסלט אַלע קעשענעס.

פּלוצלינג זע איך ווי דער איינגערער פאַרשוין, וואָס האָט ערשט אזוי געשמאַק געשלאָפן, גנב׳עט זיך פּאַמעלעך אַרויס פון דער קאַר. ער האַלט אויך א רעוואָלווער אין דער האַנט און — טראַך! מיטן הענטל פונעם רעוואָלווער האָט ער דערלאַנגט דעם אַלטן א זעץ איבערן קאָפּ. מיין „האָלד־אַפּניק״ איז ווי א זאַק מעל, א דערטש־מעליעטער, געפאַלן אויפן טראָטואַר.

— זעץ דיך שנעל אויף און לאָמיר זיך אָפּטראָגן, — האָט מיר דער יונגער חברה־מאַן א קאָמאַנדעווע געטאָן, — ער וועט זיך דאָ איבערליגן אביסל און קומען צו זיך . . . דער טייוול וועט אים ניט נעמען . . .

מיר איז אַראָפּ א שטיין פון הארצן, אָבער איצט האָב איך זיך גענומען שרעקן פאַרן יונגן חברה־מאַן. איך האָב געוואוסט אַז ביי אים אין קעשענע ליגט אויך א רעוואָלווער. צוליב וואָס טראָגט זיך דאָס א מענטש אַרום מיט א רעוואָלווער?

איך האָב אים, פונדעסטוועגן, צוגעפירט צו זיין אָנגעגעבענעם

אדרעס. ער קריכט ארויס פון דער קאר, באצאָלט מיר, און מאַכט צו מיר:

— הער, דזשאַני, איך וועל דיר דערציילן דעם אמת: איך האָב דיך געדונגען מיטן געדאַנק דיך צו באַרויבן, אָבער ווען דער אַלטער איז אַריין אין דער קאַר, האָב איך באַשלאָסן דיך ניט צו טשעפּען. איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן, אָבער פון דיין פּלוצימדיקן שטיין בלייבן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט . . . איך זע, ווי דער אַלטער מנובל האַלט דיך אין „באַאַרבעטן". האַט דאָס מיך שוין פאַרדראָסן . . . איך ניט, און ער — יאָ? נו, האָב איך אים צו־רעכטגעמאַכט . . . איצט וואַרט . . . אָט האָסטו נאָך אַכט דאָלער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ אַכט דאָלער? — פרעג איך אים, נאָך אַלץ ציטערנדיק פון שרעק.

— דאָס האָב איך דעם אַלטן נאָך פריער „באַאַרבעט", בשעת איך בין געזעסן לעבן אים און אַזוי געשמאַק געשלאָפן . . . פאַר־שטייסט? איך האָב אים אַזוי פאַמעלעך ארומגעזוכט די קעשענעס און געפונען דאָרט זעכצן דאָלער. און אַזוי־ווי דו האָסט געטריבן די קאַר און דורכגעמאַכט אַביסל שרעק, גיי איך מיט דיר „פיפטי־פיפטי" . . .

טאַקע אַן „האָלד־אַפּניק", אַ קעשענע־גנב, אָבער אַז עס קומט צו „ביזנעס" איז — „ביזנעס" . . .

דער אָפּגענאַרטער מאַן

איינס אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט. איך הער פון ערגעץ אַ געשריי: „טעקסי!" פון אַ זייטיגער גאַס לויפט אַרויס אַ מאַן אָן אַ היטל, מיטן ראָק אויף איין אַקסל און די בענדלעך פון די ניט פאַרבונדענע שיך שלעפּן זיך אים נאָך.

— פיר מיך צו אַ דאָקטאָר . . . מיין ווייב איז קראַנק . . . זי שטאַרבט . . .

ער גיט מיר אָן אַן אַדרעס וואוהין צו פאָרן און מיט אַ זייטל רוקט ער זיך אַריין אין דער טירל פון דער טעקסי, וועלכע איך האָב פאַר אים אויפגעמאַכט.

מיר קומען אָהין. ער לויפט אַרויף אויפן גאַניק. זוכט אַ

גלעקל. קוועטשט עפּעס אַ קנעפּל אָדער אַ שרייפל אויף דער טיר. עס קלינגט ניט; מ'ענטפערט ניט.

— איך וועל אַרויפלויפן אויבן, — מאַכט ער צו מיר, — ס'איז „נאָו יוז" צו קלינגען . . . דו וואַרט דאָ אַ ווײַלע . . .

— אַ, יע, כ'וועל וואַרטן, אָבער פריער באַצאָלט מיר וואָס ס'איז אויפן זייגער, — זאָג איך צו אים, — איר פאַרשטייט? איך קען דאָך אייך ניט.

דער מאַן האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. ווי קען דאָס אַ מענטש אַזוי זיין? אַזאַ אומגליק און יענעם ניט צו גלויבן?

ער נעמט זיך פאַרן בוזעם-קעשענע, זוכט און טאַפּט דאָרט אַ ווײַלע, שלעפּט אַרויס אַ טייסטער מיט אַ היפּש פּעקל פּאַפּיר־געלט, „צוואַנציגערס" און „פופציגערס". ער קוקט דערויף מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן.

— ווהאַט די דעוויל? — האָט ער קוים געקענט אַרויסרײדן, — ווי קומט צו מיר אַזויפיל געלט? איך האָב דאָך געהאַט נאָר אַביסל קליינגעלט . . .

— אַ דזשי! — גיט ער זיך ווידער אַ כאַפּ, — זע נאָר, ס'אַר אַ טייערן האַק איך טראָג! . . .

און אַזוי, ביסלעכווייז, ווער איך געוואויר, אַז מיין פּאַרשוין איז ערשט מיט אַ שטונדע צוריק געקומען פון ערגעץ אַ וויטן וועג. זיין ווייב האָט אים אַריינגעלאָזט אין שטוב, אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אַנטשלאָפן צו ווערן, האָט זי אָנגעהויבן צו מאַכן קולות, אַז זי איז פאַרבײַ . . . נו, האָט ער, אין אייליעניש, אינדערפינצ־טער, געכאַפּט אויף זיך די זאַכן און געלאָפן נאָך אַ דאָקטאָר. איצט האָט ער אויסגעפונען אַז ניט דאָס געלט איז זיינס און ניט דער ראָק איז זיינער.

— ס'איז אָלרייט, — זאָג איך צו אים, — דו באַצאָל מיר קודם וואָס מיר קומט און זאָרג ניט, גיי אַהיים. דאָס געלט איז איצט דיינע און דער ראָק איז דיינער. איצט קריג דיר אויך אַ ווייבל, וואָס דו זאָלסט זיין זיכער אַז זי איז דיינע.

דער מאַן האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

— אַזאַ שלאַנג, — האָט ער זיך געביסן די הענט פּאַר כעס, — פיר מיך שנעלער אַהיים . . . איך וועל איר צייגן . . . איך וועל איר צייגן . . .

ווייס און שוואַרץ

אין אַ זייטיג געסל פון דער נעגערשער האַרלעם האָט אַ מיידל צו מיר אַ רוף געטאָן: „טעקסי!" איך בין געבליבן שטיין. אַ ווייסע, זייער חנ'עוודיג מיידל האָט זיך שנעל אַריינגעכאַפּט אין מיין טעקסי.

— דו זעסט דאָרט יענעם „מאָב"? — פרעגט זי מיך און ציינט מיר אָן אויף אַ כאַפּטע נעגערס, וואָס שטייט אויפן טראָטואַר און ליאַרעמט. — פאָר שנעל פאַרביי זיי און נעם מיך אַרויס פון דאַנען . . . אָבער שנעל . . .

איך האָב זיך צוגעאיילט, אָבער, פאַרבייפאָרנדיג די כאַפּטע נעגערס, הער איך ווי איינער שרייט:

— העי, טעקסי . . . וואַרט אַ ווײַלע . . .

איך בין געפאָרן ווייטער און האָב זיך ניט אָפּגעשטעלט.

— טרייב שנעלער! — שרייט צו מיר דאָס ווייסע מיידל פון אינעווייניג.

כ'האָב אָבער דערפילט, ווי עמעצער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער „ראַנינג־באָרד" פון דער קאַר מיט אַזאַ שווערקייט, אַז די קאַר האָט זיך איבערגעוואויגן אויף איין זייט. אַ גרויסע, שווערע האַנט האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם ראַנד פון מיין לינק אָפן טירל און אַ שוואַרץ פּנים ווי קויל האָט מיר אַריינגעקוקט אין מיין גע־זיכט. איך בין געבליבן שטיין.

דאָס איז געווען אַ יונגער, ריזיגער נעגער. מיט צוויי שורות אויסגעשטשירעטע ציין, מיט צוויי ווייסע אויגן ווי די טעלער.

— דו „טרייעסט" צו אַנטלויפן? —פרעגט ער מיך.

— וואָס מיינסטו: אַנטלויפן? — מאַך איך זיך ניט וויסנדיג.

— האָסט ניט געהערט, ווי איך האָב דיך גערופן?

— אודאי געהערט.

— פאַרוואָס־זשע ביזטו ניט געבליבן שטיין?

— זעסט דאָך, אַז איך האָב אַ פּאַסאַזשיר אין מיין קאַר . . . צוויי „קאָלס" איז מיר ניט דערלויבט אויפצונעמען.

— סאָ, יו אַר עי וואיז גאַי? ע־עע? — האָט ער אויסגעצויגן. ער האָט אָבער געביטן דעם טאָן און, אויפמאַכנדיג דאָס צווייטע טירל, האָט ער גענומען שרייען אויף דער ווייסער מיידל:

— יו ווהאַיט טרעש (דו ווייסער שמוץ), ווילסט זיך ווידער אוועק'גנב'ענען פון מיר? האַ?

זיי האבן זיך לאנג געאמפערט. דער נענער האט געשריען. זי האט אים צוריקגעענטפערט. איך האב ניט געקענט פארשטיין, וואס צווישן זיי קומט פאר. ענדלעך איז ער געווארן ווייכער.

— אלרייט, מעגי, — האט ער איר נאכגעגעבן. אום צען אזייגער וויל איך דיך זען צוריק, — און אזוי, גוטערהייט, גיט ער א מאך צו דאס טירל פון דער טעקסי און צעזעצט די שויב אויף טויזנט שטיקלעך.

— כא־כא־כא! — האט ער זיך צעלאכט מיט א הייזעריג געלעכטערל.

ער האט אבער באלד ארויסגענומען פון קעשענע פינף דאלער און זיי דערלאנגט דער מיידל.

— דא האסטו א „פאונד" (5 דאלער), מעגי. באצאל אים פארן גלאז. ער איז „א רעגעלער גאי".

איך האב דאס מיידל אפגעפירט וואוהין זי האט מיר געהייסן. זי האט מיר באצאלט פאר דער רייזע און די פינף דאלער האט זי מיר באצאלט באזונדער פאר דער צעבראכענער גלאז.

— עס טוט מיר לייד, גוירלי, — האב איך געפרואווט מיטן מיידל צו פארפירן א געשפרעך, — עס טוט מיר לייד, וואס איך האב ניט געקענט אזוי שנעל ארויס פון יענער געסל . . . ער איז געווען פלינקער פון מיר.

— יו סעד איט, „פלינקער", — האט זי טרויעריג מודה גע־ווען, — מ'קען פון אים ניט אנטלויפן . . . ניטא קיין פלאץ פון אים צו אנטלויפן . . . ער האט מיך שוין צוריקגעבראכט ניט נאר פון יענעם קארנער . . . פון באסטאן האט ער מיך שוין צוריק־געבראכט . . . פון קענזעס סיטי . . . ער האט מענטשן אומע־טום . . . זיין גענג וועט פאר אים גיין אין פייער און אין וואסער. . . מסתמא האט זי געוואוסט, וואס זי רעדט . . .

א באגעגעניש

איך האב צוגעפירט א יונג פארפאלק צו א דעפארטמענט־סטאר. די ליידי, א שווארצ'חנ'עוודיג ווייבל, עלעגאנט געקליידט, איז ארויס פון דער טעקסי, זיך אפגעזעגנט מיטן מאן, אים מיט א ליבן שמייך־

בעלע אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אהיימקומען פרי פון אָפיס, און איז אַריינגעגאַנגען אין סטאָר. דער מאַן האָט איר צוגעוואָרפן עטלעכע קושן און מיר באַפוילן צו פאָרן ווייטער.

ביי דער 72-טער גאַס און לעקסינגטאַן עוועניו האָט ער מיר געהייסן בלייבן שטיין און ניט אַרויסקריכנדיג פון דער קאַר, גענומען וואַרטן אויף עפעס. אין עטלעכע מינוטן אַרום איז, איילנדיג אָנגעקומען אַן אַנדער ווייבעלע, אַ בלאָנדע, און מיין פּאַסאַזשיר האָט, אַ דערפרייטער, אויפגעמאַכט דאָס טירל און איר געהאָלפן אַריינקריכן אין דער טעקסי.

— שנייד דורך סענטראַל פּאַרק און פאָר אַרויף בראָדוויי, — האָט ער מיר באַפוילן.

אין צען מינוט אַרום בין איך שוין געווען אויף יענער זייט פּאַרק און פּונקט דעמאָלט, ווען איך האָב זיך פּאָרזיכטיג געהאַלטן אין פאַרדרייען רעכטס, אויף בראָדוויי, איז אָנגעלאָפן אַ גרויסער „פּעקאַרד" און זיך אָנגעשלאָגן אין מיין טעקסי. דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַזוי גרויס, אַז אונדזערעביידנס „באָמפּערס" האָבן זיך פאַרטשעפּעט און די קאַרס האָבן ניט געקענט גיין ווייטער.

די פּאַסאַזשירן פון ביידע קאַרס האָבן געמוזט אַרויסגיין און, צו מיין פאַרוואונדערונג, האָב איך דערזען, אַז פון דעם גרויסאַרטיגן „פּעקאַרד", וועלכער איז געטריבן געוואָרן פון אַ האַלב־שיכור'ן מאַן, איז אַרויסגעקראָכן יענע ווייבל, די שוואַרצ'חנ'עווידיקע, וואָס מיר האָבן ערשט צוגעפירט צום דעפּאַרטמענט־סטאָר. מיין פּאַסאַזשיר האָט זי דערקענט, ווי ס'ווייזט אויס, נאָך פריער פון מיר.

— הילדאַ, — האָט ער זי געפרעגט, — ווי קומסטו אהער און ווער איז דער מאַן, מיט וועלכן דו פאָרסט דאָ? איך האָב דאָך דיר ערשט צוגעפירט צום דעפּאַרטמענט סטאָר . . .

— דו זאָג מיר פריער, ווער אָט די בלאָנדע ווייבל איז, מיט וועלכער ד ו פאָרסט, — האָט אים די פרוי צוריקגעפרעגט.

מיר איז אוממעגלעך געווען אויסצוהערן זייער ווייטערדיגן געשפּרעך, ווייל איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען, אָפּטשעפּענדיג די „באָמפּערס" פון די צוויי צונויפגעפּלאָנטערטע אויטאָמאָבילן.

צוויי מאַטראָזן

איינמאָל האָבן זיך צו מיר צוגעטשעפּעט צוויי מאַטראָזן, אַז איך זאָל זיי פירן ערגעץ אין אַ „פיין פּלאַץ”. זיי ווילן אַ הוליע טאָן. וועגן געלט זאָל איך זיך ניט זאָרגן. זיי האָבן מיר געוויזן זשמעניעס מיט געלט. און דער עיקר, האָבן זיי מיר געזאָגט, זאָלן זיין דאָרט שיינע מיידלעך. מיך האָט אָנגענומען אַ יצר־הרע צו די קאָקנדיגע פינפערלעך, וואָס זיי האָבן מיר געציינט, ווייל איך האָב געוואוסט אַז ווען ניט איך, וועט אַן אַנדער טעקסי־טרייבער האָבן פון זיי הנאה. איך האָב אָבער ניט געוואוסט וואוהין זיי צו פירן. די צוויי שלימעזאַלניקעס האָבן פונקט אָנגעטראָפן אויף מיר.

— וואַרט, — זאָג איך צו זיי ענדלעך, באַשליסנדיג עפּעס ביי מיר אין געדאַנק, — איך וועל אייך די נאַכט געבן אַ „גוד־טאַים”, וואָס איר וועט מיך האָבן צו געדענקען. זעצט אייך אויף!

זיי זיינען באַלד אריינגעשפּרונגען אין דער טעקסי. דאָס איז געווען אויף דער 110־טער גאַס און 7־טער עוועניו. איך האָב זיי געפירט אין די בראָנקס ביז פאָרדהעם ראָוד, דאַן זיך פאַרקירעוועט איסט ביז קראָטאָנאַ עוועניו, דאַן ווידער ארונטער מיט סאַוטערן־בולוואַרד, אריבערגעפאָרן די 125־טע סטריט־בריק, צוריק אין האַרלעם, ביז דער 59־טער גאַס, אונטער דער „קווינסבאָראָ” בריק. איך גיב אַ קוק אויפן „מיטער”. ער ציינט פונקט אַכט דאָלער. (דאָס איז נאָך געווען דער אַמאָליגער הויכער טעקסי־פּרייז).

„גענוג, — טראַכט איך מיר, — איצט וועט זיך אָנפאַנגען די ריכטיגע חתונה.

— אָלרייט, באָיעס, — זאָג איך צו זיי גאַנץ שטיל, כדי צו מאַכן דעם עסק מער געהיימניספול, — קריכט ארויס. אָט דאָ איז דאָס.

אויף דעם בלאָק, צווישן דער ערשטער און צווייטער עוועניו, איז געשטאַנען אַ שורה אָרעמע, אַלטמאָדישע הייזער. אַלע פינצטער־חושך. עס איז געווען אַרום איינס אַזייגער נאָך אַ האַלבער נאַכט. זיי זיינען ארויסגעקראָכן פון דער טעקסי און גענומען אונטער־טאַנצן פון אומגעדולד.

— אָט דאָ, — זאָג איך צו זיי, — שפּאַצירט זיך דורך הין און צוריק עטלעכע מאָל איבערן טראָטואַר. איר טשעפּעט קיינעם ניט. מען וועט אייך שוין רופן. אַז עמעצער וועט לעבן אייך

פארבייגיין און זאָגן: „אָלרייט, באָיעס”, זאָלט איר אים נאָכגיין, וואוהין ער וועט אייך פירן. איר וועט קיין חרטה ניט האָבן . . . מיר קומט פון אייך אכט דאָלער . . .

זיי האָבן אָנגעקוואָלן, געהאַלטן אין איין ארויפציען די שמאָלע, געפּאַסטע הויזן און אונטערטאַנצן. זיי האָבן מיטן גאַנצן הארצן מיר דערלאַנגט די אַכט דאָלער און איך האָב זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

אויב איר האָט דעם נעקסטן פרימאָרגן, גייענדיג צו דער אַרבעט, געזען אין יענער געגענט צוויי מאַטראָזן ארומדרייען זיך בייז און אַנטוישט, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס זיינען געווען מ י י נ ע צוויי פּאַרשוינען.

די אָפּערא-זינגערן

ארום דעם „פּענסילווייניא דיפּאָ” האָב איך אויפגענומען אַ פּאַסאַזשירקע צו דער 46-טער גאַס. דאָס איז געווען אַ יונג פרויקעלע, און, ווי ס'האָט מיר אויסגעוויזן, אַן אָפּערא-אָדער-ראַדיאָזינגערן. ווי נאָר זי האָט זיך אריינגעזעצט אין דער טעקסי, האָט זי שוין אָנגעהויבן צו זינגען. אָט צעקאַטשעט זי זיך אויף די העכסטע אָקטאַוועס און אָט לאָזט זי זיך אַרונטער אין איר פיינער סאָפּראַנאָ-שטימע: „דאָ-רעי-מי” און נאָכאַמאָל: „מי-מי-מי!” איר זינגען האָט מיך, ווייזט אויס, שטאַרק באַצויבערט און, פּונקט דעמאָלט, ווען זי האָט אַ נעם געטאָן די גאָר העכסטע אָקטאַווע, איז מיר אַן אַנדער טעקסי אריינגעפּאָרן אַקעגן, אַזוי אַז איך האָב געמוזט בלייבן שטיין פּלוצלינג, כדי ניט צו פּאַרטשעפּען די צווייטע קאַר. איך גיב אַ קוק, מיין זינגערן ליגט אויפן דיל פון דער טעקסי. ס'האָט איר אָבער גאָרניט געשאַדט, ווייל, ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו פּאָרן, האָט זי זיך ווידער צעזונגען: „דאָ-רע-מי”, „מי-מי-מי” . . .

דער פייגלינג

איך בין געפארן ארויף־צו מיט דער ערשטער עוועניו. א יונגער פאליסמאן כאפט זיך ארויף אויף מיין טעקסי. ער עפנט אויף אביסל דאס פאדערשטע טירל און שטופט זיך אריין לעבן מיר. ער איז זייער צעטראגן און דערשראקן.

— טרייב שנעלער, באדי, — האט ער מיך געבעטן, — פיר מיך אוועק פון דאנען אזוי אקעגן פינף־זעקס בלאק . . . כ'האב געהערט, אז ארום דעם „קארנער" איז פארגעקומען אן „עקסידענט", וויל איך מיך דארט ניט ארייננמישן. וואס טויג מיר דער „טראבל" צו שרייבן פאפירן, צו רופן אן אמבולאנס, צו שלעפן זיך אין דער פאליציי, צום „דזשאדזש" . . . פפוי! א ביטער שטיקל ברויט . . . טרייב שנעלער, באדי . . .

א נארישער „קאפ". וואס דארף ער מיר דאס אלץ דערציילן?

א קונצנמאכער

פארנדיג איבער מעדיסאן עוועניו ארום דריי אזייגער פארטאג, זע איך ווי אין מיטן בלאק, פון א זייטיגער גאס, באווייזט זיך א מאן, וואס גייט אין מיין ריכטונג. איך בין געבליבן שטיין און געווארט. אפשר א פאסאזשיר? ווען ער איז אבער צוגעקומען נעענטער, האב איך געזען, אז דאס איז אן אפגעריסענער חברה־מאן און איך האב זיך געלאזט פארן ווייטער. איך הער ווי ער שרייט מיר נאך: „העי באדי! דזשאסט עי מינוט! וויל יו פלין!"

איך האב באלד געוואוסט, אז דער בחור וועט מיך בעטן א ניקל אויף א טעפל קאווע. איך האב געווארט. ווען ער איז צו־געקומען נאענט, האב איך געקענט זען זיין פנים. דאס איז געווען דאס טרויעריגסטע, דאס הונגעריגסטע פנים, וואס איך האב ווען געזען.

ער האָט צו מיר געזאָגט:

— הער נאַר, ברודער, שרעק זיך ניט. איך בין ניט קיין בעט־לער, אָבער איך וועל דיר באַווייזן אַ קונץ און, אויב דו וועסט פאַר־שטיין, אַז דאָס איז עפּעס ווערט, זאָלסטו מיר געבן אַ ניקל. איך מוז האָבן אַ גלאָז קאַווע, אַדער איך פאַל באַלד אַוועק אין מיטן גאַס . . .

איך האָב מיר געטראַכט, אַז דאָס שפּיל איז אפשר ווערט אַ ניקל און איך בין טאַקע געוואָרן נייגעריג. איך האָב געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ קונץ ער וועט מיר דאָ באַווייזן.

— גאָ אַהעד, — זאָג איך צו אים, — לאָמיר זען וואָס דו קענסט.

ער נעמט אַרויס פון דער קעשענע צוויי גרויסע טשוועקעס, אַזוי אַרום זעקס אינטשעס לאַנג. ער האָט מיט זיי אַ פּאָר מאָל אַ קלינג געטאָן אין דער לופטן, כדי איך זאָל זיך איבערצייגן, אַז זיי זייגען טאַקע אמת'ע טשוועקעס. און ער זאָגט צו מיר:

— קוק זיך איין!

און ער שטעקט אַריין די שפּיצן פון די טשוועקעס צו זיך אין דער נאָז, שטופּט זיי העכער־העכער, ביז זיי פאַרשווינדן ביז איבער די קעפּ. איך בין געזעסן אַ פאַרציטערטער. ווען ער האָט זיי צוריק אַרויסגעצויגן, האָט ער זיך אפילו קיין קנייטש ניט געטאָן. ער האָט ווידער מיט זיי אַ קלינג געטאָן און זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע.

איך האָב אים געגעבן צוואַנציג סענט, כאָטש די „פאַרשטעל־לונג" איז ווערט געווען אַ סך מער.

— טהענקס! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און איז פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש.

אַ קאָלעגע

איך האָב איינמאָל אויפגענומען אויף מיין טעקסי אַ שיין־גע־קליידטן פאַרשוין מיט אַ רויט בלימל אין לאַץ פון זיין שוואַרצן ראָק. ער האָט מיט דער גרעסטער איידלקייט געהאָלפן זיין באַגלייטערן, אַ יונגע שיינע פרוי, אַריינזעצן זיך אין דער טעקסי. דערנאָך זיך אַליין ברייטלעך צעלייגט אויפן זיץ און מיר באַפוילן צו פאָרן אין די בראָנקס, ערגעץ צו אַ חתונה־זאַל.

דעם גאַנצן וועג האָט ער ניט אויפגעהערט מיט מיר צו קאָמאַנ־

דערוועגן: מיר געהייסן קירעווען לינקס און רעכטס; „פלי ניט אזוי! וואס איז דאס פאר א קאר ביי דיר? עס ווארפט דאך ווי אין א קדחת! עס רוויכערט! קריך ניט אויפן טראטואר!״ . . .

מיר, שאופערס, זיינען שוין צוגעוואוינט צו אזעלכע „קרענקס״. מיר קריגן זייער אפט אזעלכע חברה־לייט, וואס פארצאפן אונדז דאס בלוט אין דער האלבער שעה וואס מיר „ארבעטן״ פאר זיי . . . וואס מער מיחוס ער איז, אלץ מער האט ער צו זאגן (באטירלעך מיט א סך אויסנאמען). איך האב אים קיין ווארט ניט געענטפערט און אים געבראכט צו דעם אנגעגעבענעם אדרעס.

ביים אויסשטייגן האט ער נאך געהאט עפעס צוצולייגן: אז די טעקסי איז ניט ריין אויסגעקערט; אז די פענצטער וואלטן באדארפט אויסגעפוצט ווערן און אפילו איך אליין בין אים ניט געפעלן. א מאן מיט ברילן טאר קיין אויטאמאביל ניט טרייבן . . . ער וועט זיך וועגן דעם זען מיטן מעיאר לא־גווארדיע.

ער האט געהאלטן אין איין ווארטשען. געקרימט מיט דער נאז. איך האב קוים ארויסגעקראגן פון אים מיינע פאר סענט און בין שנעל אוועקגעפארן, כדי זיין פנים מער ניט אנצוקוקן.

עטלעכע טעג שפעטער, ארויסגייענדיג מיט מיין פרוי פון א טעאטער־פארשטעלונג, איז מיר אליין אויסגעקומען צו דינגען א טעקסי. קומענדיג צו דער טיר פון מיין וואוינונג, שפרינגט דער שאופער אראפ פון זיין זיץ, עפנט מיר דאס טירל פון דער טעקסי, האלט מיך אונטער ביים אויסשטייגן און העלפט אויך מיין פרוי ארויסגיין פון דער קאר. אן אמת'ער „דזשענטלמען״. איך האב אנגעקוקט דעם דינסטפארטיגן שאופער און איך האב געקענט שווערן, אז איך קען אים. יא, דאס איז דאך ער, דער קאפריזנער, בייזער פאסאזשיר מיינער, וואס איך האב דא אנומעלטן צוגעפירט צו א חתונה־זאל אין די בראנקס און וואס האט מיר אזוי געגעבן די וועלט צו זען . . .

איך האב מיך געגעבן צו דערקענען צו אים און אים געפרעגט, וואס איז געווען די חכמה צו פייניגן אזוי א קאלעגע־„העקמאן״, בשעת ער אליין איז אינדערזעלביגער פרנסה?

ער איז געבליבן אביסל פארשעמט און, פארהיקנדיג זיך, האט ער אנגעהויבן זיך צו פארענטפערן:

— דו ווייסט אליין, — האט ער אנגעהויבן, — אז פארנדיג א גאנצע וואך מיט דער טעקסי, איז מען ביי יעדן איינעם פאר־

רעכנט אַלס א „גאַרנישט", א „שלימאזל". מען באַלעבאַטעוועט אי־בער דיר, מען שאַפט זיך מיט דיר, מען רופט דיך „נעמען" . . . די שלינגסט אַרונטער טויזנט באַליידיגונגען . . . פּאַליסלייט טרייבן דיך פון די גאַסן . . . דאַ שטיי ניט, דאַ פאָר ניט . . . פאַר יעדער קלייניגקייט גיט מען דיר א „סאַמאָנס", שלעפּט מען דיך אין געריכט . . . מען פאַרצאַפּט דיר דאָס בלוט . . . איז דערפאַר, אפנים, פיל איך אַנדערש, ווען איינמאָל אין דער וואָך איך קריך אַרונטער פון דער טעקסי . . . איך ווער דעמאָלט אַן אַנדער מענטש . . . איך וויל דעמאָלט אויך פאַרזוכן דעם טעם, וואָס עס הייסט „קאָמאַנדעווען", זאָגן דעות און מאַכן יענעם צו „גאַר־נישט" . . .

יעדער מענטש טראָגט זיך אַרום מיט א שטיקל שגעון, האָב איך מיר געטראַכט. מיין קאָלעגע טעקסי־טרייבער איז מיר אָבער פאַרגעקומען ווי א שפּאָגל נייער משוגע'נער . . .

דער בלינדער

א אינגל האָט מיך אָפּגעשטעלט איך זאָל אויפנעמען אויף מיין טעקסי א פאַרשוין, א בלינדן מאַן — אַן אמת'ער בלינדער, מיטביידע אויגן פאַרקלעפּט און אויסגערונען.

דער בלינדער האָט מיר געזאָגט וואוהין איך זאָל אים פירן. ער האָט זיך אָבער מיט דעם ניט צופרידנגעשטעלט. דעם גאַנצן וועג האָט ער מיט מיר געקנעלט: פאַרנעם זיך לינקס, פאַר רעכטס און ווידער לינקס. דאָ איז א „איין־וועג־גאַס". דאָרט שטייט א שלעכ־טער פּאָליסמאַן, דאָרט איז א געפערלעכער „קראָסינג" און אָפּגע־שטעלט האָט ער מיך פונקט לעבן זיין הויז, ניט א האָר אריבער־געפאָרן.

ער איז אַרויסגעקראָכן פון דער טעקסי אָן מיין הילף. מיר באַצאָלט פּינקטלעך, ניט פרעגנדיג מיך אפילו וויפיל עס איז אויפן „זייגער".

איך בין ניט אַזוי קלוג צו פאַרשטיין, וואָס פאַר א מין בלינ־דער דאָס איז געווען.

טשיקאַווע ברואים

ארום צוויי אַזייגער פּאַרטאָג האָב איך געזען די טשיקאַווסטע קאָמבינאַציע פון מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אויף דער 8-טער עוועניו און 52-טער גאַס.

געווען צווישן זיי אַ הויכער זיבן־פוסיגער „קאַובאָי״, טאַקע אַן אמת׳ער „קאַובאָי״ מיט הויכע שטיוול און מיט אַ צען־גאַלאָניגן הוט אויפן קאָפּ. לעבן אים איז געגאַנגען אַ מענטש אָן הענט, דערנאָך אַ פּרויקעלע, אַ קאַרליק, וואָס האָט קוים דערגרייכט דעם „קאַובאָי׳ס״ קנעכל. און גאָר ביים סוף איז געגאַנגען אַ פעטע פרוי, וואָס האָט זיכער געוואויגן אַ זעקס הונדערט פונט, און נאָך פיר שוואַרצע מענער מיט שווערע גאָלדענע רינגען דורכגעשטאָכן אין דער אונטערשטער ליפּ. מענטשן זיינען געבליבן שטיין אָנצוקוקן די פּאַרזעענישן. זיי האָבן זיך אָבער גאָרניט געקימערט. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך און אריינגעקוקט, בשעת מעשה, אין די שויפענצטער פון די דערבייאיגע געשעפטן.

„אָט די חברה קומען, מסתמא, פון דער „ארבעט״ פון אַ דערבייאיגן צירק״, — האָב איך זיך געקלערט און, קוקנדיג אויף זיי, איז מיר דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבערן לייב.

אַלצדינג איז „אָקי־דאָקי״

נאָך אַ צוויי־שטונדיגן ארומפאָרן איבער דער שטאָט, זוכנדיג אַ פּאַסאַזשיר, ארום דריי אַזייגער פּאַרטאָג, דערזע איך ענדלעך אַ מאַן מאַכנדיג מיט די הענט. ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט אַ טעקסי. איך זע אז ער איז אביסל פאַרטרונקען, ווייל ער שטייט שוואַך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. דאָס איז אַ הויז אויף לעקסינגטאָן עוועניו, וואו צום אריינגאַנג פירן ארונטער דריי שטיינערנע טרעפּלעך.

איך פאָר צו נאָענט און מאַך אויף דאָס טירל פון דער קאַר. דער מאַן שלעפּט אביסל ארויף די הויזן, ציט־עטלעכע מאָל אָפּ דעם אָטעם, גלייך ער גייט דאָ אויפטאָן ווער ווייסט וואָס פאַר אַן ארבעט. ער לאָזט זיך גיין, שאָקלענדיג זיך און אָט נעמט ער שוין, דוכט זיך,

אַן דאָס טירל, ווען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער כוח נעמט אים פּלוצלינג שלעפּן צוריק . . .

און ער קייקלט זיך הינטערווייַלעכס אַרונטער די טרעפּלעך, מיטן קאָפּ אויף די שטיינער.

איך שפּרינג אַרונטער פון דער טעקסי און לויף אים העלפן, מיינענדיג זיכער, אַז ער האָט זיך צעשפּאָלטן דעם קאָפּ. ס'איז אים אָבער גאָרנישט געשען. ער זעצט זיך אויף, שמייכלענדיג, און זאָגט:

— אַ דאַנק, באָדי. אָט דאָ וואוין איך . . . אַלצדינג איז „אָקי־דאָקי" . . .

דער „ניוזי"

אויף „הערעלד סקווער", וואו בראָדוויי קומט זיך צוזאַמען מיט דער זעקסטער עוועניו און וואו איר זאָלט זיך אויסקשטעלן אויפן דאַך פון דעם מעקאַלפּין האָטעל, אָדער פון מייסי'ס, אָדער פון גימבעל'ס, אין דער צייט פון די ראַש־שטונדן, און אַראָפּוואַרפן אַ שטיינדל, וועט איר טרעפן אַמווייניגסטנס אין איין מענטשן. נאָך מיין מיינונג איז דאָס דער קאָכעדיגסטער קויף־צענטער אין דער וועלט.

בכדי צו צייגן אייך ווי טומלדיג און ענג עס איז אויף „הערעלד־סקווער", וועל איך אייך געבן אַ ביישפּיל: אויב איר פאָרט דאָרט אַריין מיט אייער אויטאָמאָביל, וועט איר זיך בשום אופן ניט קענען פּאַרקירעווען ניט רעכטס, ניט לינקס, ניט צוריק. און אויב איר ווילט פאָרן ווייטער, פאָראויס, איז אויך אוממעגלעך. דאָס זיינען פיר זאַכן, וואָס זיינען דאָרט פאַר אַן אויטאָמאָביל־טרייבער אוממעגלעך צו טאָן.

פונדעסטוועגן, שפּעט נאָך אַ האַלבער נאַכט, וועט איר דאָרט קיין לעבעדיגן נפש ניט טרעפן, סיידן אפשר, פאַרבייגייענדיג גימבעל'ס „קאָרנער", וועט איר זען אַ מאַן, וואָס פאַרקויפט צייטונגען. איך זע אים דאָרט שוין יאָרן און יאָרן, אפשר נאָך פריער ווי איך האָב אָנגעהויבן „העקן" אין דער דאָזיגער געגנט.

איר וועט זיך וואונדערן למאי אָט דער „ניוזי" קומט אַרויס אַהער מיט זיינע צייטונגען גראָד אין אַזעלכע שטילע, „טויטע" שטונדן און ניט אין דער צייט ווען טויזנטער און טויזנטער מענ־

טשען פילן אָן דעם סקוועך. וועל איך אייך זאָגן, אַז דער מאַן איז אַ קאַליקע. ער איז אָן פיס און ער פאָרט דאָ אַרום אויף אַ קריפּל־וועגעלע, וואָס ער שטופּט אַליין, זיצנדיג דערויף.

נאַכט אויף נאַכט פאָרט ער דאָרט אַרום הין און צוריק, סיי ווינטער, סיי זומער, זוכנדיג זיינע שטענדיגע קונדן, צו וועלכע ער פאַרקויפט זיין סחורה און האַלט זיך אויף דאָס לעבן. איך אַליין האָב מיר געמאַכט די געוואוינהייט, אַז יעדן פרימאָרגן זאָל איך דאָרט פאַרבייפאָרן און קויפן ביי אים מיין „טאַבלאָיד".

אַ מאָדנער מענטש איז ער, אָט דער „ניוזי". ווען איך דער־לאַנג אים אַ ניקל, קומט ער תיכף אַרוים מיטן רעשט און ער באַ־שטייט דערויף אַז איך זאָל דאָס נעמען. עס העלפט מיר אפילו ניט דאָס איינריידן אים, אַז איך האָב ניט ליב ווען פענים פּלאָנ־טערען זיך ביי מיר אין קעשענע.

דאָ ניט לאַנג האָב איך אים געפרעגט צי ער האָט געגוג קליינ־געלט מיר אויסצעבייטן אַ דאָלער. יאָ, ער האָט געהאַט. איך האָב געזען ווי ער נעמט דעם דאָלער און וויקלט אים אַרום אויף עטלעכע אַנדערע דאָלערס, וועלכע ער האָט געהאַט צונויפגעדרייט ניט גרע־סער ווי אַ בליישטיפט־שטעקעלע.

אויף מיין פראַגע צוליב וואָס ער האַלט אַזוי זיין געלט, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין:

—אָט דאָס געלט זאָל איך צו קויפן זיך איינעם פון די נייר־דערפונדענע מאָטאָר־וועגעלעך. איר פאַרשטייט? אָט אַזאַ וועגעלע קאָסט אַ סך געלט, אפשר דריי הונדערט דאָלער. עס וועט נעמען אַ סך צייט אַזויפיל געלט אָנצוקלייבן. עס וועט זיך אָבער לוינען. פאָרנדיג אויף אַזאַ וועגעלע וועל איך זיך קענען שנעלער באַוועגן און מיר וועט זיין מעגלעך בעסער אָנצופירן מיין צייטונג־פאַרקויף.

און זאָגנדיג דאָס האָבן אים די אויגן געלויכטן מיט האָפענונג און פרייד.

איך בין פון אים אַוועקגעפאָרן אַ טרויעריגער, אַן אַנטוישטער, ווייל איך האָב געטראַכט וועגן דעם, ווי קליין און נישטיג מיינע אייגענע האָפענונגען און פאַרלאַנגען זיינען. ווי אומבאַדייטנד . . .

„באַרבעט"

איך בין שטענדיג אונטער דעם איינדרוק אז דער טעקסי־טרייבער איז אַלעמאָל דאָס כפרה־הינדל פאַר א סך זאַכן, וואָס טרעפן זיינע פאַרשוינען, בשעת ער טרייבט די קאַר — פאַר געשלעגן, האַלדאָפּס, אַפּילו פאַר מאָרד. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, ווייס איך ניט. וואָס א שטייגער קען איך וויסן, וואָס עס וועט טרעפן, ווען איך נעם אויף א פּאַסאַזשיר?

לעצטן דינסטאָג, אביסל נאָך א האַלבער נאַכט, דינגט מיך א יונג פּאָרל. ביים אריינגיין אין דער טעקסי, באַמערק איך, ווי דאָס מיידל פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים. דער מאַן זעט אויס ווי א שפּאַניער. ער שווייגט און זי רעדט. זי הייסט מיר פאָרן דורך דעם סענטראַל פּאַרק. דאָס געפעלט מיר, ווייל עס זעט אויס ווי א רייזע פון א פּאָר דאָלער.

קומענדיג נאָענט צום פּאַרק, הער איך ווי דאָס מיידל האַלט נאָך אַלץ אין איין רעדן. זי זעט מיר אויס אביסל נערוועז. זי פרעגט אים פאַרוואָס ער שווייגט, פאַרוואָס ער שעמט זיך און אזוי ווייטער.

פּונקט ווען איך האַלט שוין אין אריינפאָרן אין פּאַרק גיט זי זיך א כאַפּ: „נעווער מאַינד, שאָופער, פאָר בעסער אַרויף בראָדוויי, צו „קאָלאָמבוס סוירקל". דאָס איז מיר שוין ניט אזוי געפעלן. איך האָב אָבער געטאָן, ווי מ'האָט מיר געהייסן. קומענדיג צו בראָדוויי, איז דער פאַרקער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף א ווײַלע, צוליב די רויטע „טרעפיק"־לאָמפּן. שטייענדיג אזוי לעבן א „טראָלי־קאַר", הער איך פּלוצלינג ווי דאָס מיידל זאָגט:

— זיץ דאָ, דאַרלינג, איך קום צוריק אין א מינוט.

און זי שפּרינגט אַרויס פון דער טעקסי, פאַרדרייט זיך הינטער דער „טראָלי־קאַר" און איז שוין ניטאָ.

איך כאַפּ א קוק אויפן פאַרשוין אין דער טעקסי, און זע ווי ער זיצט א צעטראָגענער.

איך זאָג צו אים:

— מיסטער, מיר קענען דאָ ניט שטיין. מיר האַלטן אָפּ דעם „טרעפיק".

און ער ענטפערט מיר מיט א שווערן אקצענט:

— וואו מיידל? . . . מיין געלט! . . .

און ער כאַפּט זיך צו דער קעשענע און שרייט ווייטער:

— פּאַספּאָרט . . . נישטאָ פּאַספּאָרט . . .

איצט האָב איך שוין אַלץ פאַרשטאַנען. דאָס מיידל האָט אים „באַארבעט” דער בחור איז געזעסן ווי אַן אַנגעדראַלענער און איך בין אַריבערגעגאַנגען צום ראָג און דערציילט דעם פּאָליסמאַן, וואָס דאָ האָט געטראָפן. ער האָט מיך גע'עצה'עט צוצופאָרן צום נאָענט־סטען פּאָליס־סטיישאָן און דערציילן די געשיכטע. איך בין צוריק־געקומען און דערציילט מיין פאַרשוין, וואָס ער דאַרף טאָן. ער אָבער זיצט און שטאַמלט:

— בריסטאָל האָטעל . . . בריסטאָל האָטעל . . .

איך האָב אים געבראַכט צום „בריסטאָל האָטעל”, וואו ער איז געווען רעגיסטרירט און ווידער דערציילט די געשיכטע צום פאַר־וואַלטער פון האָטעל. מיר איז געקומען פון אים פּונקט אַ דאָלער, אָבער דער אָרימער יאָלד האָט ניט געהאט אפילו קיין סענט ביי דער נשמה. האָב איך אים געזאָגט, אַז כ'וועל מאָרגן קומען נאָכן געלט. איך האָב אויף אים רחמנות געהאט.

אָבער איצט הייבן זיך אָן די צרות.

אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אויפמאָנען מיין געלט, האָט ער שוין דאָרט געהאט אַן איבערזעצער און אַ דעטעקטיוו און זיי האָבן גענומען פאַרשרייבן מיין נאָמען, מיינע לאַיסענס, וואו איך וואוין און, דוכט זיך, וויפיל ציין איך האָב אין מויל און וואָס פאַר אַ נומער זאָקן איך טראָג. איך האָב ענדלעך אָנגעהויבן צו פאַר־שטיין, אַז זיי זיינען מיך חושד, אַז איך האָב געהאט אַ האַנט אין דער גנבה. איך בין אַזש אויפגעשפּרונגען אָן אָנגעצונדענער.

דער סוף איז געווען, אַז ס'האָט געדויערט מער ווי צוויי שטונדן ביז איך האָב אַרויסגעקראָגן דעם דאָלער, וואָס איז מיר געקומען.

כדי זיך אויסצוהיטן פון צרות, דאַרף, אפנים, דער טעקסי־טרייבער גאָר קיין פּאַסאַזשירן ניט אויפנעמען.

אַ שידוך

אויפן ראָג פון אַ טומלדיגער גאַס בין איך געשטאַנען מיט מיין טעקסי און אַרויסגעקוקט אויף אַ פּאַסאַזשיר.

לעבן אַ פענצטער פון אַ שיין־פאַרפּוצטן מעבל־געשעפט איז געשטאַנען אַ יונג פאַרפאָלק און נייגעריג איבערגעקוקט די שיינע זאַכן, וואָס זיינען דאָרט געווען אויסגעשטעלט. לעבן זיי איז גע־

שטאַנען אַ קינדער־וועגעלע, אין וועלכן אַן עופה׳לע איז געשמאַק געשלאָפן.

אַנקוקנדיג זיך זאַט דרייט זיך דאָס פּאָרל אויס און לאָזט זיך אוועקגיין. פּלוצלינג גיט דער יונגערמאַן צופעליג אַ קוק אויף מיר און בלייבט שטיין אַ פאַרוואונדערטער.

— בעטי! — רופט ער אויס, שטעלנדיג זיך אין וועג זיין יונג ווייבל, — לוק, היר איז ההי מען!

ער האָט אָנגעוויזן אויף מיר און, איידער וואָס־ווען, בין איך שוין געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער. אפשר עפּעס אַ טעות, אַ צוטשעפּעניש פאַר עפּעס אַן „עקסידענט", אָדער גאָט ווייס וואָס. דאָס יונגע ווייבל האָט מיך דערווייל גענומען באַטראַכטן. זי האָט מיך אָבער, ווייזט אויס, ניט דערקענט.

— קענט יו סי, בעטי? — האָט זיך דער יונגערמאַן געקאָכט,— דאָס איז דאָך דער מאַן מיט דער טעקסי . . . געדענקסטו ניט אונזער ערשטן „ראַיד"?

— וואָס מיינסטו, אירווינג?

— געדענקסטו ניט פאַראַיאָרן? — האָט דער יונגערמאַן זי געפּרואווט דערמאָנען, — אויף דער פיפטער עווניו . . . אָ, מיסטער דרייווער, גיט אַהער די האַנט, לאָמיך אייך דאַנקען . . .

— פאַרוואָס ווילט איר מיר דאַנקען? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס־זשע, איר דערקענט אונז טאַקע ניט? — האָט ער ניט אויפגעהערט זיך צו וואונדערן, — נו, אודאי. שוין מער ווי אַ יאָר . . . זינט דעמאָלט האָט איר שוין אפשר טויזנט פּאַסאַזשירן געפירט . . . א י ך וועל אייך אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . .

— איך ווייס נאָך אַלץ ניט, וואָס איר האָט זיך אין מיר אָנגעטשעפּעט, — האָב איך געלאַכט.

— ליסען, — האָט ער מיר אָנגעהויבן צו דערקלערן, — דאָס איז געווען פאַראַיאָרן. ס׳איז געווען אַ נאַסע, רעגנדיגע נאַכט . . . שוין גאָר שפּעט . . . איך האָב אייך אָפּגעשטעלט מיט דער טעקסי און זיך געהייסן פירן אַפּ־טאַון . . . איר האָט גענומען פאָרן . . . דער רעגן האָט געגאָסן . . . ס׳איז געווען נאַס . . . גליטשיק . . . אָ, וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע נאַכט דאָס איז געווען! . . .

— יונגערמאַן, וואָס האַקט איר אַ קאָפּ? — האָט מיך די מעשה שוין אָנגעהויבן צו פאַרדריסן. איך האָב געמיינט, אַז דער יונגערמאַן איז משוגע.

— און ווען מיר זיינען אַפּגעפאָרן עטלעכע גאַסן, — האָט ער זיך גערעדט זיינס, — האָב איך געזען ווי אויף אַ ראָג שטייט אַ יונג מיידל. זי איז געווען דורכגענעצט פון רעגן. ווער ווייסט, ווי לאַנג זי איז, נעבעך, געשטאַנען דאָרט, וואַרטנדיג אויף אַ „באָס". איך האָב אייך געהייסן זיך אָפּשטעלן און האָב געבעטן דאָס מיידל זי זאָל זיך אריינזעצן אין דער טעקסי . . . איך פאָר דאָך סיי־ווי־סיי איר וועג. האָט זי זיך פארדרייט און ניט געוואָלט אפילו אַ קוק טאָן אויף מיר . . . איך בין אָבער ניט אראָפּגעפאַלן ביי זיך . . . האָב איך ווייטער גערעדט און זי האָט געשוויגן, ביז ענדלעך זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אייך . . . אָ, מיסטער! דאָס האָט געהייסן: וואָס דענקט א י ר וועגן דעם? איר האָט גאָרניט געענטפערט, איר האָט נאָר מ י ך באטראכט. איר האָט געקוקט אויף מיר און שטאַרק געוואָלט וויסן, ווער איך בין און וואָס ביי מיר אויפן האַרץ טוט זיך . . . דאַן האָט איר אויפגעמאַכט די טעקסי, „איט'ס אַ קעי, גוירלי", האָט איר געזאָגט צו דער מיידל, „דו קענסט זיך אריינזעצן, דו דאַרפסט זיך ניט ווייקן אין רעגן" . . . געדענקט איר דאָס, מיסטער דרייווער?

— דוכט זיך, אַז איך געדענק, — האָב איך אים צוליב געטאָן.

— און ווייסט איר ווער יענע מיידל איז געווען? — האָט ער ווייטער געפרעגט, — איר וועט דאָס קיינמאָל ניט טרעפן . . . דאָס איז געווען בעטי, מיין איצטיגע ווייבל . . . איר פארשטייט? פאָרענדיג אַזוי צוזאַמען, האָב איך דערוויילי מיט איר איינגע'טענה'ט און מיר האָבן געמאַכט אַ „דעיט" און אין עטלעכע וואָכן ארום האָבן מיר ארויסגענומען „מערידזש לאַיסענס" . . . און אָט דאָס איז בענעלע, אונדזער זונדעלע, פיר וואָכן אַלט, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר . . .

איך האָב אויסגעהערט די צעשלאָגענע רייד פון דעם באַגייסטערטן יונגענמאַן און מיר האָט הנאה געטאָן, וואָס דורך מיין טעקסי איז געשלאָסן געוואָרן אַ גליקלעכער שידוך.

פאַרשפּעטיגט

אַן עלטערער בחור האָט מיר אַמאָל געיאָגט אין האַלדז־און־נאַקן שנעל־שנעל. ער האָט אַ „דעיט" מיט זיין מיידל, און ער האָט מורא, אַז ער'ט פאַרשפּעטיגן. אומגעפער אַ שעה האָב איך אים געטאַסקעט, ווי אַ רוח אַ מלמד. ער האָט געפירט מיט זיך אַ שאַכטעל מיט שאָקאָלאַדע און אַ גרויסן שקאַרמיץ מיט לעבעדיגע בלומען. זיין מיידל האָט אים זייער שטאַרק ליב, האָט ער מיר דערציילט, אָבער עס שאַרט זיך צו איר אַ צווייטער בחור. און יעדעס מאָל ווען ער, מיין פּאַסאַזשיר, פאַרשפּעטיגט אַביסל, נעמט זי דער צווייטער אויס, אַ כאָלעריע אויף אים! — האָט ער אים געהאַלטן אין איין שילטן.

—אַ'ל בעטשע, כ'וועל ווידער פאַרשפּעטיגן! — האָט ער זיך געערגערט.

ס'האָט ניט געהאָלפן מיין גאַנצע געניטקייט, מיין גאַנצע שנעלקייט און איילעניש. מיר האָבן סיי־ווי־סיי פאַרשפּעטיגט. די טיר אין זיין מיידל'ס הויז איז געווען פאַרשלאָסן, און זי איז שוין געווים אויסגעגאַנגען מיטן צווייטן בחור.

האָט איר געדאַרפט זען ווי מיין פּאַרשוין איז געשטאַנען לעבן מיר אַ צעבראָכענער, אַ דערשלאָגענער! אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס שאַכטל שאָקאָלאַדע, און אין דער צווייטער — דעם משונה־גרויסן שקאַרמיץ מיט בלומען. אָט האָט ער געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ גזלן, פאַרוואָס איך האָב פאַרשפּעטיגט, און אָט האָט ער ארויפגעקוקט צו די פענצטער, וואו דאָס מיידל האָט געוואוינט. כ'האָב אויף אים רחמנות געהאַט, איך האָב מיך אָבער ניט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער.

ענדלעך האָט ער זיך געהייסן צופירן צום נאָענטסטן סאָבוועיסטיישאָן, מיר באַצאָלט, מיט כעס אַ וואָרף געטאָן דעם פּאַק בלומען צו מיר אין דער טעקסי און איז אוועק.

דער מאַן אין קאַסטן

איינמאָל אין אַן אָוונט, פאַרבייפאָרנדיג די רייכע טייל פון דער ניו־יאָרקער פּארק עוועניו, האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ יונגערמאַן און מיך געפרעגט, צי וויל איך פאַרדינען „גרינגע" עטלעכע דאָלער. איך האָב מיך, נאַטירלעך, ניט אָפּגעזאָגט און אים דערקלערט, אַז אויב די „גרינגע" עטלעכע דאָלער זיינען אויך „כשר'ע", וועל איך מיך פון זיי ניט אָפּזאָגן.

— טאָ הער מיך אויס, — האָט מיר דער יונגערמאַן אָנגעהויבן צו דערקלערן. — איך וויל, אַז היינט ביינאַכט, פּונקט צוועלף אַזייגער, זאָלסטו צופאָרן אָט צו יענער פּריוואַטער הויז אינמיטן בלאָק. איך וועל אויף דיר וואַרטן. דאַן וועסטו מיט מיר ארויפגיין אויפן ערשטן שטאָק און מיר וועלן אַראָפּטראָגן אַ קאַסטן. דערנאָך וועסטו מיך מיט מיין פרוי מיטן קאַסטן אָוועקפירן אויף אַ געוויסן פּלאַץ, אומגעפער אַ צען מייל ארויס פון דער שטאָט . . . דאָס איז אַלץ, וואָס דו דאַרפסט טאָן . . . דערפאַר קריגסטו פון מיר 25 דאָלער. אָבער — אָפּגעטאָן, דאַרפסטו אין דעם תיכף פאַרגעסן . . . פאַרשטייסט?

איך האָב מיך אַביסל דערשראָקן, דערהערנדיג אַ רייזע פון צען מייל פאַר 25 דאָלער, און איך האָב דעם יונגנמאַן געפרעגט:

—און וואָס האָסטו דאָרט אין קאַסטן?

— דאָס איז ניט וויכטיג, — האָט ער מיר געענטפערט, — נאָר אויב דו ווילסט דורכאויס וויסן, וועל איך דיר דערציילן: אין קאַסטן וועט זיין איינגעפּאַקט אַ מאַן . . .

און כּדי די זאַך זאָל ביי מיר ניט אויסזען אַזוי שרעקלעך, האָט מיך דער יונגערמאַן בארואיגט און מיך דערציילט, ווער דער מאַן איז, וואָס וועט זיין איינגעפּאַקט אין קאַסטן.

— פאַרשטייסטו מיך, דזשאַני, — האָט ער אָנגעפאַנגען, — איך בין אַ רייכער מענטש. איך בין באַקאַנט אין דער געגנט דאָ, וואו עס וואוינען פאַרמעגלעכע מענטשן — באַנקירן, בראָוקערס, ביזנעסלייט . . . דערצו האָב איך זייער אַ שיין ווייבל. איז אָט צו דער ווייב מיינער האָט זיך לעצטנס צוגעטשעפּעט עפּעס איינער אַ מנוול, אַ פּארק עוועניו דאַן זשואַן, וואָס בינדט זיך צו יעדער שיינער פרוי . . . מיין פרוי אָבער ווייסט ניט קיין חכמות. האָט זי מיר פאַרטרויט דעם סוד, אַז ער באַלעסטיגט זי, פאַרפאָלגט זי, רופט זי טאָג־און־נאַכט אויפן טעלעפאָן, דערקלערט זיך איר אין

ליבע . . . אַזוי ווי אַ סך פון מיינע פריינט קענען גוט אַט דעם אידיאָט, האָב איך מיך מיט זיי פאַנאַנדערגערעדט און זיי דערציילט וועגן זיינע באַלעסטיגונגען און ליבעס־דערקלערונגען צו מיין פרוי . . . ערשט איך ווער געוואויר, אַז דער בחור האָט שוין לאַנג געמאַכט מיט זיי אַ וועט אויף הונדערט דאָלער, אַז ער וועט איינ־קריגן מיין פרוי . . . האָט מיך די מעשה שוין פאַרדראָסן . . . וועל, איך וועל דיר די געשיכטע מאַכן קורץ: איך האָב מיט מיינע פריינט אָפּגעמאַכט, אַז מ'דאַרף דעם נודניק געבן אַ לעקציע, אַז ער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן ניט צו טשעפּען קיין פרעמדע ווייבער . . . איז אָט וואָס איך האָב באַשלאָסן: אויף איינעם פון זיינע טעלעפאָן־קאָלס האָט אים מיין פרוי געענטפערט, אַז זי האָט אים אויך זייער שטאַרק ליב, און אַז ער זאָל אַרויפקומען היינט ביינאַכט צו איר אין הויז, ווייל איך וועל זיין אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג . . . דער בחור וועט גאַנץ זיכער אַרויפקומען, ערשטנס, צוליב זיין לייכט־זיניגער ליבע און, צווייטנס, צו געווינען דעם וועט פון הונדערט דאָלער . . . מיין פרוי וועט אים, נאַטירלעך, אויפנעמען זייער ליבלעך . . . וועט מיט אים פאַרברענגען ביז אַ באַשטימטן מאָ־מענט און דאַן מיר געבן אַ צייכן דורך דעם פענצטער. איך וועל דעמאָלט אָנקומען גאַנץ פּלוצלינג, אָנקלינגען דאָס גלעקל, און זי וועט זיך כלומרשט דערשרעקן, זוכן אַ פּלאַץ, וואו אים צו באַהאַלטן און, ענדלעך אים הייסן אַריינקריכן אין אַ קאַסטן, וואָס וועט שוין שטיין פאַרטיג, דאָרט אין מיין שלאָפצימער . . . דאַן וועלן מיר אָנקומען און מיט אַן אויסריד אַראָפּטראָגן דעם קאַסטן און צו־זאַמען מיט מיין פרוי אַוועקפאָרן אין אַ געוויסן נאַכט־קלוב הינטער דער שטאָט, וואו חברה וועט שוין וואַרטן אויף אונז און מיר וועלן האָבן „פּלענטי פאַן" . . .

— און ווי וועט זיין, אַז ער וועט מאַכן אַ גוואַלד, אָדער אַרויס־שפּרינגען פון קאַסטן? — האָב איך געפרעגט.

— ערשטנס, איז ער אַ גרויסער פייגלינג, — האָט מיר מיין קונד פאַרזיכערט, — ער וועט ניט וואַגן אַ פּיפּס צו טאָן; צווייטנס, וועט אים מיין ווייב איינשליסן מיט דעם צוזאָג, אַז אַזוי ווי זי איז אין אים שטאַרק פאַרליבט, זאָל ער זיך ניט שרעקן, זי וועט אים שוין אַרויסהעלפן פון דער צרה.

— ער קען דאָך אָבער דאָרט דערשטיקט ווערן, — האָב איך מיך נאָך אַלץ געקווענקלט.

— זאָרג ניט, — האָט מיך דער יונגערמאַן בארואיגט. דער קאַסטן איז באוואָרנט מיט אַ סך שפּאַלטן און מיט אויסגעדרילעוועטע לעכער אין דעק, אַז ער זאָל האָבן גענוג לופט צו אָטעמען . . . פאַרשטייסט? מיר וועלן אים קיין שלעכטס ניט טאָן. מיר ווילן אים גלאַט אָנשרעקן און אָנלערנען, אַז ער זאָל מער קיין פרעמדע פרויען ניט טשעפּען.

מיר איז אויף אַן אמת געפעלן געוואָרן דער שפּיצל, און איך האָב אָנגענומען די „אַרבעט".

פּונקט צוועלף אַזייגער ביינאַכט בין איך צוגעפאָרן צו דער אָנגעוויזענער הויז. מיין קונד האָט שוין אויף מיר געוואַרט אין אַ ווינקל פון אַ דערבייאיגער הויז. דאַן האָבן מיר געזען אַ צייכן פון אַ קאָלירטן עלעקטרישן לעמפּל דורך דעם פענצטער. דער יונגערמאַן האָט אָנגעקלונגען און מיר האָבן געוואַרט אַ היפּשע ווײלע . . .

„איצט פּאַקט זי אים דאָרט אַריין אין קאַסטן", האָט ער צו מיר געזאָגט. ער האָט נאָך עטלעכע מאָל אָנגעקלונגען, ביז די פרוי האָט פאַר אים ענדלעך אויפגעמאַכט די טיר. מיר זיינען אַרויף אויף דעם ערשטן שטאָק. מיין פאַרשוין האָט באַגריסט זיין יונג ווייבל, וועלכע איז טאַקע אויף אַן אמת געווען זייער אַ שיינע און וועלכע האָט זיך, כלומרשט, שטאַרק געוואונדערט, וואָס ער איז פּלוצלינג ביינאַכט צוריקגעקומען פון זיין רייזע. ער האָט איר אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז עפּעס האָט פּאַסירט, וואָס האָט אים געצוואונגען אַהיים צו קומען. אָבער ער פאָרט תיכף צוריק, און זי מוז מיט אים מיטפאָרן, ווייל עמעצער האַלט ביים שטאַרבן . . . זאָל זי דעריבער קיין צייט ניט פאַרלירן און זיך שוין אָנטאָן און זיך פאַרטיג מאַכן . . .

די יונגע פרוי האָט, כלומרשט, אַ דערשראָקענע, געפּרואווט אָפּלייגן דאָס ביינאַכטיגע פאָרן. זי האָט געזאָגט, אַז זי אַליין איז טויט־קראַנק. אָבער ער איז באַשטאַנען אויף זיינעם. זי האָט געקרעכצט און זיך איילנדיג אָנגעטאָן, און ער, דער פּאַסאַזשיר מיינער, האָט דערווייל פון ערגעץ־וואו דערטאַפּט צוויי גראָבע רימענס און מיט זיי ארומגעבונדן דעם קאַסטן.

— נו, לאָמיר אַראָפּטראָגן די „זאַכן", — האָט ער צו מיר אַ וואונק געטאָן.

עס האָט ניט געדויערט מער ווי צען מינוטן, און די יונגע ווייבל איז געווען פיקס־און־פאַרטיג. איך האָב פון הינטן, ביי דער טעקסי,

אַנגעבונדן דעם קאַסטן און מיר האָבן גענומען פאָרן.

איך בין געפאָרן איבער די גאַסן, וועלכע מיין פאַרשוין האָט מיר אָנגעצייגט . . . צעגראָבענע מיט גריבער און מיט שטיי־נער . . . דער קאַסטן האָט זיך געוואָרפן און אונטערגעשפרונגען אין דער לופטן. דער מאַן, דאָרט אינעווייניג, האָט געדאַרפט זיין פון אייזן דאָס איבערצוטראָגן. מיר זיינען אַרויס פון שטאָט און זיך פאַרנומען אויף דעם „באָסטאָן פאָוסט ראָוד".

מיטאַמאָל האָב איך דערזען ווי צוויי גרויסע אויטאָמאָבילן האָבן מיר פאַרפאָרן דעם וועג און עמעצער האָט צו מיר אויסגע־שריען:

— האָלד איט (בלייב שטיין), דזשעק!

איך בין געבליבן אַ פאַרציטערטער און אָפּגעשטעלט מיין קאַר. צוויי מענער זיינען אַרויסגעשפרונגען פון איינע פון יענע קאַרס און זיך אַריינגעכאַפּט אין מיין טעקסי.

— סטיק איט אַפּ! — האָב איך געהערט, ווי זיי שרייען דאָרט אינעווייניג צו מיינע פאַרשוינען. איך האָב דערהערט אַ קוויטש פון דער יונגער פרוי. אין דער פינצטער האָב איך ניט געקענט זען וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. איך האָב נאָר געהערט געשרייען און די טעקסי האָט זיך געטרייסלט און געקנאַקט. דאַן איז אַלץ שטיל געוואָרן.

איינער פון די מענער האָט מיר דאַן באַפוילן איך זאָל גאָרניט רעדן. עס וועט מיר גאָרניט געשען. איך זאָל נאָר נאָכפאָלגן די צוויי אויטאָמאָבילן.

איך האָב געמוזט טאָן וואָס מ'האָט מיר געהייסן.

אין אַ צען מינוטן אַרום זיינען מיר צוגעקומען צו אַ גרויסער הילצערנער געביידע, וואָס איז געשטאַנען ווייט פון וועג, אַרומגע־צאַמט מיט פּלויטן, פאַרקלעפּט מיט קאָלירטע אַפּישן. איך האָב דאָס פּלאַץ געקענט פון אַ סך מאָל דורכפאָרן מיט דעם דאָזיגן וועג. די צוויי חברה־לייט האָבן מיר געהייסן נאָכפאָרן די צוויי קאַרס גלייך אַריין אין דעם גרויסן הויף. מיט אַ קאָמאַנדע: הענד אַפּ! האָבן זיי אונדז געהייסן אַרויסקריכן פון דער טעקסי.

„אָט דאָס קריג איך פאַר מיין זוכן אַ „גרינגן דאָלער", — האָב איך מיר געקלערט, — מיר וועלן שוין דאָ קריגן די ריכטיגע לעק־ציע, וואָס מיר האָבן געוואָלט געבן דעם פּאַסקודנעם פרויען־יעגער.

איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, וואָס ער פילט דאָרט אין קאַסטן, איינהערנדיג זיך, וואָס דאָ קומט פאָר!

— וואָס האָט איר דאָרט אין קאַסטן? — האָט איינער פון די באַנדיטן אַ פרעג געטאָן, און ער האָט מיר געהייסן אָפּבינדן דעם קאַסטן און אים אַריינשלעפּן אין דער געביידע. אַ בלענדיגע ליכ־טיגקייט האָט מיר אַ שניט געטאָן אין די אויגן, ווי איך בין נאָר אַריין אינעווייניג. איך זע אַ גרויסן זאַל, אַ סך שיין־געקליידטע מענער און פרויען זיצן ביי געדעקטע טישן. איך האָב מיך דער־מאָנט אָן דער מעשה מיט די פעריציג גזלנים.

— רבונו של עולם! — האָב איך זיך געטראַכט, — וואָס האָט מיר געטויגט דער גאַנצער עסק? . . .

— וואָס האָט איר דאָרט אין קאַסטן? — האָט זיך ווידער דערהערט אַ פראַגע. — די חברה מוזן דאָרט האָבן אַ פּאַרמעגן, וואָס זיי שווייגן . . . העי, דזשימי, ברענג אַריין אַ האַק און ברעך אויף דעם פאַרדאַמטן קאַסטן . . .

אַ ריזיגער נעגער איז אַריין מיט אַ האַק און — טראַך! דאָס דעקל פון קאַסטן איז אַרונטערגעפאַלן און אַ הויכער נאַקעטער מענטש אין הוילע אונטערוועש איז אַרויסגעשפּרונגען פון קאַסטן, ניט טויט, ניט לעבעדיג, ציטערנדיג פאַר קעלט און שרעק. ער האָט מיט באַנומענע קולות גענומען יאָמערן:

— איך בעט אייך, טשעפּעט מיך ניט . . . איך בין דאָ אַליין אַן אומגליקלעכער קרבן . . . ס'אַ שרעקלעכער טעות . . .

אינמיטן וויינען איז ער פלוצלינג געבליבן שטיין ווי אַ פאַר־גליווערטער און זיך גענומען איינקוקן אין די פאַרפּוצטע מענער און פרויען, וועלכע האָבן אים, בשעת מעשה, אַרומגערינגלט און זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

— מאַרטאָן דעילי, וואו האָסטו דיינע הויזן? — האָט איינער אויסגערופן.

— מאַרטאָן, אַרויס מיט די הונדערט דאָלער, וואָס דו האָסט געוועט.

מיינע צוויי פּאַסאַזשירן, דער יונגערמאַן מיט דער שיינער ווייבל, האָבן זיך אויך אויסגעמישט מיט דעם אויפגעלעבטן עולם און מיטגעהאַלפן לאַכן, בשעת דער דערשראָקענער דאָן־זשואַן האָט פון דעם קאַסטן אַרויסגעשלעפּט זיינע צעקנייטשטע קליידער און, כאַפּנדיג זיי אונטערן אָרעם, איז ער, נאָך אַלץ אַ נאַקעטער, אַרויס־געלאָפן אויף דעם פוסטן וועג, וואָס האָט געפירט צוריק אין שטאָט אַריין.

איך האָב געקראָגן באַצאָלט מיינע 25 דאָלער. דאָס איז אָבער געווען ניט קיין „גרינגע" געלט. איך האָב זיי כשר פאַרדינט. ביי די רייכע הולטייעס איז געווען ווייניג אַריינצוגאַרן דעם נאַרישן בעל־עבֿרה׳ניק אין קאַסטן אַריין. זיי האָבן זיך נאָך פאַרשטעלט פאַר „האָלד־אַפּניקעס" און אונז, כלומרשט, איבערגעפאַלן אויפן וועג . . . זיי האָט גאָרניט געאַרט פאַר מיר, ווייל איך אַליין האָב געוואוסט נאָר דעם ע ר ש ט ן טייל פון דער שפּיל . . . ביי דער צ ו ו י י ט ע ר טייל איז מיר די נשמה אַרויסגעפאַלן פאַר שרעק, ניט ווייניגער אפשר ווי דעם נאַקעטן מנובל דאָרט אין פאַרשלאָסע־נעם קאַסטן . . .

אַ פלאָכער מענטשל

דער טעקסי־טרייבער האָט מיר דערציילט:

אַזוי ווי איר זעט מיך, בין איך זייער אַ שטיל מענטשל. איך טשעפּע ניט קיין פליג אויף דער וואַנט. איך בין ניט פון יענע שאָופערס, וואָס יאָגן זיך נאָך אַ פּאַסאַזשיר און רייסן אָפּ די „פענדערס" פון אַנדערע אויטאָמאָבילן. איך היט מיך אויס פון „טראָבל", אָבער איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסער צרה.

— וואָס פאַר אַ צרה? — פרעג איך אים און האָב געמיינט, אַז ער האָט מסתמא געקראָגן אַ „סאָמאָנס" פאַר צו שנעל טרייבן, אָדער פאַר דורכפאָרן די רויטע טרעפיק־לאַיטס.

— איך וועל אייך דערציילן כסדר — זאָגט ער — איר ווייסט דאָך, אַז איך אַרבעט ביינאַכט, האָב איך דאָ ניט לאַנג געקראָגן אַ פאַרשוין, פאַר וועלכן איך האָב זיך אַ היפּש ביסל געשראָקן. דאָס איז געווען אַ ריזיגער חבֿרה־מאַן, מיט אַזעלכע מאָרדנע, שרעקלעכע אויגן. ער האָט גערעדט שנעל און נעהוועז און האָט זיך געהייסן פירן ערגעץ אויף מאַרטין סטריט, און כ׳זאָל זיך אײַלן, ווייל ער דאַרף זיך דאָרט מיט עמעצן טרעפן.

ס׳איז געווען אַ ווייטער וועג, אָבער דער מאַן האָט מיר אויסגעזען צו זיין ניכטער און דאָס האָט מיך אַביסל באַרואיגט. האָב איך, אַלזאָ, גענומען פאָרן. איך האָב זיך נאָר געוואונדערט, מיט וועמען ער דאַרף זיך דאָרט טרעפן, אַז אויף מאַרטין סטריט איז גאָר־

נישט ניטאָ, אחוץ פּאַק־הייזער און גאַראַזשעס, דערצו נאָך אַזוי שפּעט ביינאַכט . . . נאָר גאָרנישט! ער באַצאָלט מיר — וואָס אַרט מיך וואוהין ער פאָרט?

מיר קומען אָן אויף מאַרטין סטריט, הייסט ער מיר בלייבן שטיין. ס׳איז שטיל. מ׳זעט גאָרניט, מ׳הערט גאָרניט, אחוץ עפּעס אַ פערד, וואָס הירזשעט אין אַ שטאַל . . . און איך האָב דאָס ניט געגליכן . . . ס׳זיינען מיר געקומען מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ אריין . . . איר קענט דאָך מיך . . . איך פּיל ניט אזוי פויגלדיג, טראַכטנדיג וועגן אַזעלכע זאַכן.

און דער פאַרשוין זיצט אין דער טעקסי און וואַרט אויף עפּעס. פּלוצלינג הער איך, ווי פון הינטן קומט אָן עפּעס אַן אויטאָמאָביל . . . קומט אָן שנעל . . . און ס׳איז אַ טייערער אויטאָמאָביל . . . איך האָב דאָס דערקענט לויטן פאָרן און לויטן קלאַפּן פון דעם מאָטאָר.

דער אויטאָמאָביל איז מיט אַ סקריפּ געבליבן שטיין אויף דער צווייטער זייט גאַס. זעענדיג דאָס, האָט מיין פּאַסאַזשיר זיך דער־שראָקן. ער האָט אָפּנים געוואַרט אויף עפּעס אַנדערש. נו, האָט ער מיר אַ שטורך געטאָן אין פּלייצע און מיר געהייסן שנעל ארויס־פאָרן פון דאַנען. ווי שנעל איך קען נאָר.

איך צעלאָז זיך שנעל מיט מיין אַלטער „טאָמייטאָ־קען״, מיט מיין טעקסי, הייסט עס און ער, דערוויל שרייט: „שנעלער! שנעלער!״ איך זאָג אים, אַז איך „טו מיין בעסט״, און ער זידלט זיך און שעלט און רופט מיך מיט די ערגסטע נעמען . . .

אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיר דאָס לייב. איך גיב וואָס מער „ספּאַרק״ און „געז״. מיט אַמאָל זע איך, ווי דער אַנדערער אויטאָמאָביל יאָגט מיך איבער, פאַרפאָרט מיר דעם וועג און בלייבט שטיין. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די חברה־לייט, וואָס זיינען דאָרט געפאָרן זיינען ניט געקומען אהער זאָגן תהלים, איך האָב אָבער ניט געקענט פאָרן ווייטער און האָב אויך געמוזט בלייבן שטיין.

דער קאָפּ דרייט זיך מיר דערוויל ווי אַ ווינט־מיל . . . איך שטעל מיר פאָר דאָס ערגסטע, וואָס ס׳וועט באַלד פּאַסירן. איך האָב שוין מיין פאַרשוין ניט געהערט שרייען, איך קוק מיך אום, — איך זע ווי ער ליגט אויפן דיל פון דער טעקסי . . .

און איידער וואָס־ווען, זע איך, ווי פון יענער קאַר שפּרינגען ארויס צוויי יונגען, כאַפּן זיך אַרויף צו מיר אויף דער „ראַנינג־באָרד״ און איך הער, ווי פונם הימל אַראָפּ אַ דונער, און נאָך אַ

דונער . . . איך ווייס אָבער, אַז ס'איז ניט קיין דונער . . . די חברה האָט געמיינט „ביזנעס" . . . האָב איך מיך אויך אראָפּגע־לאָזט אויפן דיל פון דער קאַר און זיך געמאַכט ווי גע'פּגר'ט . . .

איך בין אַזוי אָפּגעלעגן אַ היפּשע ווײַלע און זיך אין עפּעס איינגעהערט. ס'איז ווידער געווען שטיל. מיין פּאַרשוין האָט שוין ניט געשריען. די יונגען מיט זייער מאַשין זיינען שוין ניט געווען. איך האָב אָפּגעצויגן דעם אָטעם און אריינגעקוקט אין דער טעקסי . . . אין דער פינסטער האָב איך גאָרניט געזען.

וועל, אויב איר האָט אמאָל געוואָלט הערן דאָס קלאַפּן פון אַן אַלטן, צעבראָכענעם זייגער, האָט איר דעמאָלט געדאַרפט צוליגן אייער האַנט צו מיין האַרצן . . . שטעלט אייך פאָר: אַליין אין אַ פּאַרוואָרפן געסל . . . אויף מאַרטין סטריט . . . וואו ס'געפינט זיך ניט קיין לעבעדיגער נפש! . . . דער פּאַרשוין אין דער טעקסי, האָב איך געוואוסט, איז שוין געווען „אוועקגעלייגט אויפן ספּאָט".

„וואָס טוט מען איצט?" קלער איך מיר, „ווי לאַנג וועל איך דאָ אַזוי שטיין און וואַרטן? אפשר איז דער מענטש נאָר פאַר־וואונדעט און מ'דאַרף אים צופירן צו אַ האָספּיטאַל?"

איך מאַך אויף דאָס טירל פון דער טעקסי און זע ווי ער ליגט אויסגעשטרעקט, שטיל. איך נעם ארויס מיין „פלעש־לאַיט" און קוק אים אריין אין פּנים . . . ווייס איך וואָס! ער רירט זיך ניט . . .

איך זאָג אייך, ס'איז מיר קאַלט געוואָרן און יעדן אבר . . . איך האָב געפילט ווי די שפּיץ אויערן פרירן מיר . . . ער איז געווען טויט ווי אַלע טויטע . . . דער מאָגן האָט זיך מיר אַזש איבערגעדרייט . . . איך קלאַפּ צוריק צו דאָס טירל און זעץ זיך אַוועק אויף דער „ראַנינג־באָרד". דער בחור דאַרף שוין ניט קיין האָספּיטאַל . . .

ס'ערשטע איז מיר געקומען אויף די געדאַנקען, אַז די „קאַפּס", די פּאָליציי, הייסט עס, וועלן אוודאי מיינען, אַז איך האָב אים דאָ צורעכט געמאַכט.

אך, ווען איך זאָל אין יענער מינוט געווען ווייסן ווער דער מאַן איז! איך וואָלט אפשר איצט ניט געווען קיין טעקסי־טרייבער.

— ווער איז ער דען געווען? — פרעג איך ביי מיין פריינט, וואָס האָט מיר דערציילט די דאָזיגע שרעקלאַכע געשיכטע.

— דאָס איז געווען „קילער סטיוו", דער בארימטער גענגסטער, וועלכן די „קאַפּס" האָבן ארומגעזוכט און פאַר וועלכן די פּאָליציי

האָט אָנגעבאָטן פינף טויזנט דאָלער, לעבעדיג אָדער טויט . . . איך בין דאָס ערשט געוואויר געוואָרן דעם נעקסטן פרימאָרגן . . . ס׳איז שוין אָבער געווען צו־שפעט . . .

מיין באַקאַנטער האָט זיך אַ ווײַלע געקראַצט אין דער פּאַ־טילניצע און געזיפצט:

— איך בין שטענדיג געווען אַ שלימאַזל. ווייסט איר וואָס איך האָב געטאָן יענע נאַכט?

— וואָס?

— איך האָב דעם גענגסטער אַרויסגעוואָרפן פון דער טעקסי און אַ קוקטוענדיג אויף דעם טעקסי־זייגער, האָב איך געזען, אַז ס׳קומט מיר פאַר דער רייזע צוויי דאָלער . . . נו, האָב איך ביי דעם טויטן דורכגעזוכט די קעשענעס און אַזוי ווי איך בין אַן ער־לעכער מאַן, האָב איך מיר אַליין אָפּגעציילט צוויי דאָלער. דאָס איבעריגע געלט, וואָס ער האָט געהאַט, האָב איך אים צוריק אַריינ־געלייגט אין קעשענע און בין אַוועקגעפאָרן . . איר ווייסט דאָך, איך בין אַ פאַמיליע־מאַן און איך האָב ניט ליב קיין „טראָבל” . . .

— נו, און ווער האָט געקראָגן די פינף טויזנט דאָלער, וואָס די פּאָליציי האָט אָנגעבאָטן פאַרן גענגסטער? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— די פינף טויזנט דאָלער האָט געקראָגן טאַקע אַ פּאָליסמאַן, דער וואָס האָט געפונען דעם טויטן קערפּער פיר אזייגער דעם נעק־סטען פרימאָרגן.

דער טעקסי-טרייבער — דער יאָלד

עס ליגט ביי מיר א זעקעלע מיט געלט, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט אין דער צייט, זינט איך בין א טעקסי־טרייבער. דאָס איז אָבער געלט, וואָס קיינער וויל ניט נעמען אין דער האַנט אריין. איר וועט דאָרט געפינען ענגלישע שילינגס, אונגארישע פלאָרינס, רוסישע פּערציגער, קאַנאַדער „דאימס" און עסטרייכישע גריצערס. איר וועט דאָרט געפינען אפילו אַמעריקאַנער מטבעות, אָבער צעקאַליעטשעטע, צעבויגענע, פאַלשע, בלייענע, אָפּגעריבענע. מיט איין וואָרט: א קאָלעקציע פון געלט פון דער גאַרער וועלט, אָבער קיינער האָט פון דעם קיין הנאה ניט.

אויב עמיצער פון אייך האָט אַזאַ מין מטבעה און קען פון איר ניט פּטור ווערן, זאָרגט זיך ניט. פּאָרט זיך דורך אין א טעקסיקעב, בלייבט שטיין ערגעץ אינדערפינצטער, באַצאָלט פאַר דער רייזע און צווישן די אַנדערע מטבעות, שטופּט אריין אויך אייער מציאה. דער „העקמאַן" איילט זיך שטענדיג. אַבי ער גיט א קוק אויפן געלט און זעט זיינע עטלעכע מטבעות, פליט ער אַוועק ווייטער און זוכט שוין נייע קונדן. אים פאַלט גאָרניט איין, אַז, אינדערפינצטער, האָט איר אים אריינגעשטופּט איין קוואָדער א בלייענעם און א צווייטן, וואָס קומט אַזש פון פראַנקרייך.

קיין בעסער פּלאַץ וואו אָפּצעשטעקן אַזאַ געלט, ווי ביים טעקסי טרייבער, האָט איר ניט.

אויב עמיצער פעדלט מיט א ניי־דערפינדענעם גאַל־מעסער, וואָס קראַצט אראָפּ די באָרד צוזאַמען מיט דער הויט, לאָזט ער זיך קודם ארום איבער די טעקסי ליניעס. דער „טעקסימאַן" איז שטענדיג אויף דער גאַס. מ'דאַרף צו אים ניט קריכן אויפן פיפטן שטאָק און קלינגען דאָס גלעקל. אים קען מען גרינג איינרעדן און דערקלערן, ווי גוט דער נייער גאַל־מעסער איז, בפרט נאָך אז ער איז גאַראַנטירט. דער טעקסי־טרייבער וועט אייך זיכער געבן צו־לייזן פאַר אַזאַ גאַל־מעסער. ער האָט ליב יענעם צו געבן א „שאָו".

ארום די טעקסי-ליניעס דרייט זיך אָפּט ארום א מאַן מיט א שאַכטל זיידענע זאָקן. די זאָקן זיינען א מציאה דריי דאָלער א פּאָר. אין דער שאַכטל זיינען פאַראַן צוועלף פּאָר, אָבער אַזוי־ווי ער האָט זיי ערגעץ געקראָגן האַלב אומזיסט און ער אליין איז גראָד אויף צרות און נויטיגט זיך אין געלט, וועט ער דאָס גאַנצע שאַכטל מיט

זאָקן אוועקגעבן פאַר פינף דאָלער.

געפינט זיך גראַד צווישן די טעקסי־טרייבער איינער, וואָס דעם קומענדיגן שבת איז זיין ווייב׳ס געבורטס־טאָג. קויפט ער די זאָקן און ברענגט זיי דער ווייב אַלס מתנה. ווי גרויס איז אָבער זיין איבעראַשונג, ווען דאָס ווייב הויבט אים אָן צו לייגן אין דער ערד אַריין. סטייטש, זי קריגט דאָך דיזעלביגע זאָקן אויף אָרטשאַרד סטריט פאַר צען סענט אַ פּאָר . . .

פאַראַן אַ סאָרט פּאַסאַזשירן, וואָס נוצן אויס דעם טעקסי־טרייבער׳ס לייכטזיניגקייט און צוטרוי. יענע דינגען אַ טעקסי, פאָרן זיך אָן וויפיל דאָס האַרץ גלוסט זיי און מיט פאַרשיידענע קונצן דרייען זיי זיך אויס פון באַצאָלן פאַר דער רייזע. אייניגע הייסן אייך וואַרטן ערגעץ ביי אַ הויז, זיי וועלן אייך באַלד אַרונטער־ברענגען דאָס געלט. זיי גייען אַריין אין הויז און מער זעט איר זיי שוין נים.

אַ צווייטער קונץ איז זיך אַריינצוזעצן אין דער טעקסי מיט אַ גרויסן פּאַקעט, אַרומגעבונדן מיט אַ פיינער שנירל. ער פאָרט אָן פאַר אַ דריי דאָלער, דערנאָך הייסט ער אייך אַכטונג געבן אויפן פּאַקעט און אַליין גייט ער אַריין אין אַ באַנק „אויסבייטן אַ טשעק״. איר זייט אים אין גאַרניט חושד, ווייל איר האַלט דאָך זיין פּאַקעט. אָבער ער גייט אַריין אין דער באַנק דורך איין טיר און דורך אַ צווייטער טיר גייט ער צוריק אַרויס און — אַ גוטן טאָג!

איר וואַרט דערווייל. אַז איר גייט אים ענדלאָך זוכן און געפינט אים ניט, עפנט איר דאָס פּעקל און וואָס, מיינט איר, געפינט איר דאָרט? אַלטע צייטונגען אָדער גאָר שמאַטעס . . .

איך בין זייער פאָרזיכטיג, ווען אַ פאַרשוין פאָרט אָן עטלעכע דאָלער און הייסט מיר וואַרטן. פונדעסטוועגן בין איך דאָ ניט לאַנג אַריינגעפאַלן מיט פיר דאָלער, צוליב אַ שפּאָגל נייעם קונץ, וואָס אַ בחור האָט מיר אָפּגעשפּילט.

ס׳האָט געטראָפן אויף אַזאַ אופן:

אַ יונגערמאַן קומט אַריין אויף פיין סטריט אין אַ שניידער־סטאָרקעלע און זאָגט צום אייגנטימער, אַז ער האָט אַ געשעפט פון פאַרטיגע מלבושים אין די בראָנקס, אויף מאָשולו פּאַרקווי. איז לעצטע וואָך געווען ביי אים אַ שטיקל פייער און הונדערט אויבער־מאַנטלען זיינען ביי אים אַביסל פאַרנעצט געוואָרן. מען דאַרף, אַלזאָ,די אויבערמאַנטלען אויסרייניגן און אויספּרעסן.אין די בראָנקס

איז שווער צו קריגן א פאסיגן שניידער, וואס זאל מאכן די ארבעט „ריזאנייבל״. זיי הייסן זיך דארט אפגילטן. דעריבער איז ער גע־קומען דאון־טאון. דא, ווייסט ער, וויל יעדער מאכן א לעבן און מ׳וועט אים ניט וועלן „שניידן א פאס״. באט ער אן דעם שניידער א דאלער פאר יעדן מאנטל, איינס־אויף־איינס, ער זאל זיי אים צורעכטמאכן.

דער שניידערל כאפט זיך, נאטירלעך אן אין דעם. איין קליי־ניגקייט: א הונדערט־דאלערדיגער „דזשאב״! ער האט אבער מורא איינצושטעלן, טאמער איז א דאלער א שטיק צו ווייניג.

— וועל . . . — קנייטשט ער זיך, — עס קלינגט זייער גוט: הונדערט דאלער . . .איך וואלט אבער געוואלט זען, וואס דאס איז....

— אלרייט, — איז דער יונגערמאן צופרידן, — מיר פארן באלד ארויס און איך וועל אייך ווייזן, צי דאס איז ניט קיין „גאלד־מינע״.

קום איך פונקט אן מיט מיין טעקסי. דער יונגערמאן שטעלט מיך אפ און הייסט מיר פארן אין די בראנקס, אויף מאשולו פארק־ווי. אומגעפער אין א שטונדע ארום זיינען מיר אנגעקומען צום ריכטיגן פלאץ און געבליבן שטיין לעבן א שיינער הויז. דער יונגערמאן שפרינגט ארויס דער ערשטער. איך ווייס נאך דערוויילע גארניט, וועגן וואס דא האנדלט זיך.

— מיסטער קענדל, — זאגט ער צום צווייטן מאן, וואס זיצט אין דער טעקסי, — ווארט דא אויס א ווײַלע. איך וועל ארונטער־ברענגען דעם שליסל. מיין קליידער־געשעפט איז אויף דער צווייטער גאס.

וואס האט מיר געקענט איינפאלן? זאל איך מורא האבן פאר מיינע פיר דאלער, וואס די רייזע האט באטראפן, אז איינער פון די מענער, וואס איך האב געפירט, זיצט זיך רואיג ביי מיר אין דער קאר?

נו, מילא, דער יונגערמאן מיטן שליסל איז שוין מער ניט צו־ריקגעקומען. מיר האבן געווארט זייער לאנג, און ניטא אים. ווי אין וואסער אריין . . . מיר האבן געזוכט א געשעפט פון פארטיגע קליידער אויף דער צווייטער גאס, אויף דער דריטער גאס — ניטא.... איך זע, אז דער מיסטער קענדל איז שטארק אומרואיג. איך האב אויך דערפילט אז עפעס איז דא ניט גלאטיג . . .

דאס שניידערל וויל שוין ארויסקריכן פון דער טעקסי און גע־

מען די סאַבוויי אהיימצופאָרן. „וואָס מייגן מיר די גליקן — זאָגט ער, — הונדערט דאָלער! הונדערט שמאָליער! אָבער איך בין ניט קיין יאָלד. ס'איז געקומען אזוי ווייט, אז עמיצער האָט גערופן א פּאָליסמאַן. מען האָט אונז אוועקגעפירט אין דער פּאָליציי. דער „קעפּטן" ביים שרייבטיש האָט אָבער גע'פּסקנ'ט, אז דער, וואָס האָט מיך געדונגען, דער דאַרף מיר באַצאָלן. און דער שניידערל איז טאַקע אהיימגעפאָרן מיט דער סאַבוויי . . .

אַ מעשה מיט אַ „קאַסע"

איינמאָל, אין א ביינאַכט זייער שפּעט, בין איך פאַרפאָרן מיט א פּאַסאַזשיר אין די „האַיטס", אַרום סעינט ניקאָלאַס עוועניו און 185-טע גאַס. איך האָב דעמאָלט געוואוינט אין ברוקלין. האָב איך זיך אויסגעדרייט און גענומען פאָרן אהיים. פּלוצלונג רופט מיך צו א איד, אַ הויכער געזונטער פאַרשוין מיט א רויטער ברייטער באָרד.

— יו וואָנט טו גאָו טו ברוקלין?

— אין וועלכן טייל פון ברוקלין? — פרעג איך אים.

— קינגס האַיוועי און אָושען פּאַרקוויי, — ענטפערט ער מיר.

איך זאָג אייך, אז גאָט אליין האָט מיר צוגעשיקט דעם אידן. איך אליין האָב געוואוינט אין יענער געגנט.

— אָבער, — נעמט דער איד מיט מיר אויס, — דו מוזט מיר העלפן אַרויסטראָגן א קליינע אייזערנע „סעיף". איך וויל זי איבערפירן קיין ברוקלין. זי איז ניט שווער. איך האָב דאָ א ברודער, וועט ער אונז העלפן.

„זאָל זיין א „סעיף", טראַכט איך מיר, „זאָל זיין אפילו א העלפאַנט . . . דאָס איז דאָך א רייזע פון אריבער פיר דאָלער. און — פּונקט אויף מיין וועג אהיים".

און מיר האָבן זאָלבעדריט — איך, דער רויטער פאַרשוין און זיין ברודער, אויך א געפּאַקט אידל — אַרויסגעטראָגן די „סעיף" און זי אַרויפגעשטעלט אויף דער טעקסי.

— איך זאָל נאָר ניט פאַרגעסן די קאָמבינאַציע פון שלאָס, — איז דער רויטער איד פּלוצלונג געוואָרן אומרואיג, — ציינ מיר נאָר, מאָריס, ווידעראַמאָל ווי אויפצומאַכן די „סעיף".

— הבר ניט, — האָט אים מאָרים געוואָרנט, ווינקענדיק מיט אַן אויג אויף מיר, — אפשר איז ער מבין כל דיבור.

— ווייסיכוואָס, — האָט אים דער רויטער בארויאיגט, — זעסט דען ניט, אַז ער איז אַן איירישער ערל?

האָט מאָרים אים אָנגעהויבן צו ציינן, ווי אויפצומאַכן די קאַסע און, כדי איך זאָל, חלילה, ניט פאַרשטיין די קאָמבינאַציע, האָט ער גערעדט אין א געמישטן לשון — אידיש און רוסיש.

— גיב אַ רוק די סטרעלקעלע אויף 9, דאַן נאַזשמי פּוגאָווקו 3 מאָל און ווידער א רוק אויף נומער 10 — און לאַרטשיק פּראָסטאָ אָטקריוואַיעטסיאַ (און דאָס קעסטל מאַכט זיך אויף פּשוט).

מיר איז זייער געפעלן געוואָרן די „קאָמבינאַציע" — ניט פון דער קאַסע — נאָר פון דעם מאָדנעם לשון (איך זאָל ניט פאַרשטיין) און איך האָב דאָס מיר אַזוי, שטילערהייט, גע'חזר'ט דעם גאַנצן וועג.

מיר זיינען געקומען אויף קינגס האַיוועי. מיר האָבן שווער געאַרבעט, ביז מיר האָבן אַראָפּגעשלעפּט די קאַסע ערגעץ אין א פּרוכט-מאַרקעט. דער מאַן האָט מיר באַצאָלט און איך בין גלייך אַוועקגעפאָרן.

געקומען מאָנטאַג, ווען איך אַרבעט ניט (מאָנטאָג איז מיין פרייער טאָג), האָט מיין פרוי מיך געבעטן אַרויסצונעמען די טעקסי און צופאָרן מיט איר צום מאַרקעט. זי וויל איינקויפן א סך גרינ־ציייג איינצוזייערן אויפן ווינטער. מיר זיינען צוגעפאָרן פּונקט צו יענעם מאַרקעט, וואוהין איך האָב געבראַכט די קאַסע. נאַטירלעך, דער רויטער איד האָט מיך ניט אָנגעהויבן צו דערקענען. בעסער אַזוי!

מיין פרוי איז, ווייזט אויס, געווען דאָ א שטענדיגע „קאָסטאָ־מערקע", ווייל זי האָט באַלד באַמערקט די נייע קאַסע, וואָס דער איד האָט אַוועקגעשטעלט.

— זעט נאָר די „רעדיאָ", וואָס ער האָט דאָ „איינגעפיקסט"!— האָט זי זיך גענומען וויצלען, — וואו האָט איר דאָס פּאַציאָפּעט אַזאַ צאַצקע?

— א צאַצקע, זאָגט איר? — האָט דער איד זיך באַליידיגט און אָנגעהויבן צו טענה'ן אויף זיין מאָדנעם לשון, — דאָס איז שוין גאָרניט קיין צאַצקע . . . דאָס איז א „קאַסע" . . . אין אַזאַ „ביזנעס" דאַרף מען האָבן א פּלעיס, וואו צו באַהאַלטן די „מאַט־ניא" . . . אָט אין דער „קאַסע", ווידיטיע, קענט איר אַריינלייגן

ראקעפעלער'ס באגאטסטווא . . . דאס איז א „ניעסגאראיעמאיא קאסע". איך קען דא אוועקלייגן אפילו מיין ווייב'ס בריליאנטן און שלאפן „ספאקאינע" . . .

— און טאמער גנב'עט מען ביי אייך אוועק די בריליאנטן? — האב איך אים געפרואווט א רייץ טאן.

— אוועק'גנב'ענען? ניקאגדא! — האט ער אויפגעפלאמט טאקע א צערייצטער. — ניט פון דער קאסע וועט מען גנב'ענען... קאי טשארט וועט זי קענען עפענען?

— א י ך וועל זי עפענען, — האב איך זיך ווידער גערייצט מיט אים, דערמאנענדיג זיך אין דער קאמבינאציע, וועלכע זיין ברודער האט אים איבערגעגעבן אויף זיין מאדנעם לשון.

אין מארקעט, צווישן די ווייבער, איז מיטאמאל געווארן לע־בעדיג. אלע האבן מיך ארומגערינגלט. מיין פרוי איז געווארן אומרואיג און האט מיך געפרואווט אוועקשטופן אין א זייט.

— לאזט אים, ניטשעווא, נישקשה, — האט דער איד געטומלט אויף עטלעכע שפראכן, — אויב ער וועט אויפמאכן, פוסקאי! זאל ער!

איך האב מיך אנגעבויגן איבער דער קאסע. א רוק געטאן דאס ווייזערל אויף נומער 9, דאן א קוועטש געטאן דאס קנעפל 3 מאל און ווידער א רוק געטאן דאס ווייזערל אויף נומער צען. איך האב א שלעפ געטאן דאס טירל און די קאסע איז געשטאנען אפן. דער איד האט שיעור ניט גע'חלש'ט.

— א טשארדעי, א מכשף! — האט ער אזש געקרעכצט פון פארדראס און מיר געטאפט אין די ארבל, צי איך האב דארט ניט באהאלטן קיין געצייג . . .

דער איד ווייסט נאך עד היום ניט, אז איך בין דאס געווען דער טעקסי־טרייבער, וואס האט אריבערגעבראכט די קאסע און האט, אפשר, אונטערגעהערט דעם סוד פון דער „קאמבינאציע".

נאָך אַ יאָלד

צוויי מיידלעך און אַ „דזשענטלמען" זעצן זיך אַריין אין מיין טעקסי. די מיידלאַך זיינען יונג און שיין און דער דזשענטלמען איז שוין אַביסל אין די יאָרן. אַז ער רעדט, הוסט ער אונטער פּאַ־מעלעכקע און פאַרשטעלט זיך דאָס מויל מיט דער האַנט. ער הויבט אַלעמאָל אויף איין ברעם און רופט אויס: „אָ דיער! אָ דיער"! און ווען ער נעמט אַראָפּ דעם קאַפּעליוש, זעט מען ווי די האָר זיינען אים פאַרקעמט האַלב רעכטס און האַלב לינקס, מיט אַ ווייסן שרינט אינמיטן.

ס'איז אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט. זיי הייסן זיך פירן צום „מאַנטקלעיר" האָטעל. אויפן וועג דערציילט דער מאַן פאַר די מיידלעך וועגן זיינע דערפאַרונגען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווי ער אליין האָט פאַרכאַפּט אַ פיינטלעכע נעסט פון מאַשין־ביקסן, און ווי ער האָט אַריינגעבראַכט פערציג געפאַנגענע סאָלדאַטן, אויך גאַנץ אַליין. די מיידלעך האָבן זיך ניט אויפגעהערט צו וואונדערן איבער זיינע העלדישע מעשים, אויסשרייענדיג יעדע רגע מיט אַנט־ציקונג: איז דאָס ניט וואונדערלעך! איז דאָס ניט שטוינענד! ווי אַזוי האָט איר דאָס געקענט טאָן?

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען צום האָטעל און די עלטערע פון די צוויי מיידלעך גיט אַ זאָג צום דזשענטלמען:

— איצטער, סוויטי פּאַי, וועט איר טאָן, ווי איך האָב אייך גע־זאָגט: גייט אַריין און וואַרט אויף אונז אין דער „לאָבי". מיר וועלן נאָכקומען אין עטלעכע מינוט אַרום. און אפשר האָט איר ביי זיך קליינגעלט אַ פינף דאָלער? מיר וועלן אַריינגיין אין דראָגסטאָר עפּעס איינקויפן. יאָ, פינף דאָלער וועט זיין גענוג. אַ דאַנק . . .

דער „דזשענטלמען" האָט אַראָפּגעשיילט פינף דאָלער פון אַ היפּשן פּאַק געלט, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע און איז אַריין אין האָטעל. די מינוט, וואָס ער איז פאַרשוואונדן, האָבן די מיידלעך צו מיר אויסגעשריען:

— שנעל, שאָופער, פיר אונדז אַוועק פון דער אַלטער קוקלע. אָט דאָ, אַרונטער אין דער זייטיגער געסל . . .

נאָך אַ יאָלד. זיי שעפּן זיך גאָרניט אויס . . .

די באַלוינונג

איך האָב אַמאָל אויפגענומען אַ פּאַסאַזשיר וואָס איז געווען אַ באַריהמטער ריכטער. איך האָב אים ניט געקענט פּערזענליך. ער האָט זיך געהייסן פירן אין „מאַנהעטן טראַפיק קאָורט". האָב איך ניט געוואוסט וואו דאָס איז.

— ווי לאַנג טרייבסטו שוין אַ טעקסי? — האָט דער ריכטער מיך געפרעגט פּאַרוואונדערט.

— שוין פינף יאָר, — ענטפער איך אים.

— און דו ווייסט נאָך ניט וואו דער „טראַפיק קאָורט" געפינט זיך? — האָט דער ריכטער זיך געוואונדערט — האָסט נאָך קיינמאָל קיין „סאַמאָנס" ניט געקראָגן?

— קיינמאָל ניט, מיסטער, — האָב איך זיך באַרימט, נאָך אַלץ ניט ווויסנדיג מיט וועמען איך רעד, — דאַנקען גאָט, איך פּאָר פּאָרזיכטיג און היט אָפּ אַלע געזעצן פון די טראַפיק־רעגולאַציעס.

דאָס איז דעם ריכטער זייער געפעלן געוואָרן און אַלס אנערקענונג צו אַזאַ זעלטענעם טעקסי־טרייבער, האָט ער, ווייזט אויס, אריינגעשריבן אַ בריוול צום קאָמישיאָנער פון דער „העק־ביוראָ" וועגן אַזאַ און אַזאַ „דראַיווער", אים געלויבט און געבעטן דעם קאָמישיאָנער, אַז אויב ער וועט נאָר האָבן אַ געלעגנהייט, זאָל ער דעם דראַיווער שטענדיג אַ טובה טאָן.

מיט איינמאָל קריג איך, — דער זעלטענער טעקסי־טרייבער, — אַן אויפפאָדערונג פון דער „העק־ביוראָ". מען האָט ביי מיר צוגענומען די „לאַיסענס" און מיר געגעבן צען טאָג צייט, אַז איך זאָל זיך בעסער באַקענען מיט דער „דזשיאָגראַפי" פון ניו־יאָרק, דערנאָך זאָל איך ערשט אויפסניי קומען אויף עקזאַמינײשאָן פאַר אַ „העק־מאַן".

אַ נישקשה'דיגע באַלוינונג פאַר אַ מוסטערהאַפטן טעקסי־טרייבער! . . .

געפֿונענע זאַכן

עס איז דאָ אַ געזעץ אַז דער טעקסי־טרייבער מוז אַרומזוכן זיין קאַר נאָך יעדן פּאַסאַזשיר און אויב ער געפֿינט דאָרט עפּעס, דאַרף ער דאָס איבערגעבן צו דער פּאָליציי. דאָס איז אָבער אַ שווערע הלכה. אין רעגנדיגע טעג אָדער נעכט, ווען פּאַסאַזשירן שטייגן איין און אויס איינער נאָכן אַנדערן, קען דאָס דער שאָפער ניט באַווייזן. ער האָט דערהוויל איגנאָרירט ז י י נ ע ביזנעס.

איך אַליין האָב זעלטן געפֿונען עפּעס אַ וויכטיגע זאַך, וואָס מ'זאָל מאַכן פֿון דעם אַ ווזשן, איך האָב אָבער געפֿונען זאַכן, וואָס האָבן מיר געגעבן די וועלט צו זען. הלוואי וואָלט איך זיי ניט געפֿונען.

כ'האָב געפֿונען אַ רעגנשירעם. אַ זיידענעם, גאַנץ גישקשה'־דיגען מענערשן רעגנשירעם. נו, בין איך אַריינגעגאַנגען אין ערשטן פּאָליס־סטיישאַן, וואו איך בין פֿאַרבייגעפֿאָרן און דאָרט אַריינגע־טראָגן דעם רעגנשירעם. הייסט מען מיר וואַרטן. אין אַ צען מי־נוט אַרום קומט אַריין אַ פּאָליסמאַן, פֿאַרשרייבט מיין נאָמען, מיינע „לאַיסענס", וואו איך וואוין, דערנאָך באַטראַכט ער דעם רעגנשי־רעם און פֿרעגט מיך פֿאַרוואָס איך האָב אים ניט אָפּגעגעבן צו דעם מאַן, וואָס האָט אים פֿאַרגעסן.

— כ'האָב אים געפֿונען ערשט נאָכדעם, ווי דער מאַן איז אוועקגעגאַנגען.

—האָסט געדאַרפֿט אַרומזוכן די קאַר, באַלד ווי דער מאַן האָט אַרויסגעשטעלט אַ פֿוס . . . פֿאַרשטייסט דען ניט דאָס געזעץ?

— העי, — האָט אַ צווייטער פּאָליסמאַן זיך אַריינגעמישט, — ווען דער „גאַי" זאָל עפּעס פֿאַרשטיין, וואָלט ער קיין טעקסי־טריי־בער ניט געווען.

מיר איז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן.

דער ערשטער פּאָליסמאַן האָט צוריקגעענטפֿערט מיט אַ וויץ און געפֿרעגט אויפֿסניי, וואו איך האָב געפֿונען דעם שירעם.

— אין דער טעקסי.

— כ'מיין, אין וועלכער גאַס ביזטו געשטאַנען מיט דער טעק־סי, ווען דו האָסט באַמערקט דעם שירעם?

האָב איך אים געזאָגט אומגעפֿער אין וועלכער גאַס איך בין געשטאַנען.

— יענע גאָס קער ניט צו אונדזער „פּריסינקט", — האָט ער מיר מודיע געווען, — אַלע זאַכן מוזן איבערגעגעבן ווערן אין יענעם פּאָליס־סטיישאָן אין וועמענס „פּריסינקט" עס ווערט דער און דער אַרטיקל געפונען. וואָלסט דאָס אויך געדאַרפט וויסן.

האָב איך שוין געמוזט גיין אין א צווייטן פּאָליס־סטיישאָן. כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, אז כ'האָב שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. איך האָב שוין געקלערט צו „פּאַרלירן" ערגעץ דעם שירעם, האָב איך אָבער מורא געהאַט, ווייל דער ערשטער פּאָליסמאַן האָט שוין געהאַט פאַרשריבן מיין נאָמען.

אין צווייטן פּאָליס־סטיישאָן האָב איך אויך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן, אָבער, גאָט צו דאַנקען, איך בין פּטור געוואָרן פון דעם פאַסקודנעם רעגנשירעם.

א צווייט מאָל האָט ווידער א מאַן פאַרגעסן עפּעס אין מיין טעקסי, וואָס איך האָב ווידער געמוזט אַוועקטראָגן אין פּאָליס־סטיישאָן.

א מאַן מיט א היפּשן רענצל אין האַנט איז אין איילעניש אַרויפגעשפּרונגען אויף מיין קאַר.

— פאָר גלייך! — האָט ער מיר א קאָמאַנדעווע געטאָן, — שנעל! . . .

איך האָב א לאָז געטאָן די קאַר „שנעל" . . . א פינף מינוט בין איך אַזוי געפאָרן, נאָך אַלץ ניט וויסנדיג וואוהין. דער מאַן האָט מיר געהייסן פאַרקירעווען איין מאָל רעכטס, איין מאָל לינקס. דאַן האָט ער מיר געהייסן בלייבן שטיין. ער איז אַרויס פון דער טעקסי א צעטראָגענער, האָט מיר באַצאָלט און איז אַוועק. ערשט נאָכדעם האָב איך באַמערקט, אז ער האָט פאַרגעסן זיין רענצל אין דער קאַר.

איך האָב באַטראַכט דאָס רענצל. ס'עפנט זיך אַליין אויף און איך זע אינעווייניג זעקס גרויסע פיר־עקיגע פלעשער, פאַרזיגלטע מיט פיינע פּראָפּנס, באַקלעפּט מיט שיינע, קאָלירטע פּאַפּירלעך . . . „פּרענטש ראַי", האָב איך אויף די פלעשער איבערגעלייענט און איך האָב פאַרשטאַנען, אז דאָס איז א זייער טייערער געטראַנק . . .

נאָך לאַנגן טראַכטן בין איך געקומען צום שלום, אז דער מאַן איז מסתמא געווען א „בוטלעגער" און עמיצער איז געווען אויף זיין שפּור . . . און ער האָט די זעקס פלעשער „ראַי" ניט פאַרגעסן, נאָר פּשוט אונטערגעוואָרפן, כדי זיך אָפּצוטשעפּען פון זיי,

און אויף אַזאַ אופן זיך אויסגעדרייט פון צרות . . .

איצט איז געקומען די פראַגע: וואָס טוט מען מיטן „ראַי"? עס וואָלט געווען א יושר, אַז איך זאָל ברענגען די משקה אויפן „העק־סטענד", וואו איך שטיי מיט דער טעקסי און דאָרטן מאַכן א שטיקל שמחה'לע פאַר די „בויעס" . . . האָב איך אָבער מורא געהאַט, אַז עס קען דאָ אַרויסקומען עפּעס „טראָבל" . . . דעריבער בין איך ווידער געקומען אין פּאָליס־סטיישאָן און געמעלדעט, אַז איך האָב איבערהצוגעבן עפּעס א רענצל מיט זאַכן, וואָס איך האָב ערשט געפונען אין מיין קאַר.

דער פּאָליסמאַן אין דעם איצטיגן „פּריסינקט" איז געווען א „גוד בּאָי". ער האָט מיך שוין ניט געפּייניגט מיט אַזויפיל פראַגן. ער האָט אפילו מיין נאָמען ניט פאַרשריבן. ער האָט נאָר מיט איין אויג א קוק געטאָן, וואָס דאָרט אין רענצל טוט זיך און — מיר געהייסן גיין . . .

ווער ווייסט? אפשר דאָס שמחה'לע, וואָס איך האָב געוואָלט פראַווען אויפן „העק־סטענד", איז יענע נאַכט געפּראַוועט געוואָרן דאָרט, אין פּאָליס־סטיישאָן . . .

פלאַפּי — און דאָס מיידעלע

איך האָב אויפגענומען אויף מיין טעקסי אַן אַריסטאָקראַטיש פּאָרל. זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט און ביידע האָבן מיט דער גרעס־טער פּאָרזיכטיגקייט געהאָלפן אויך זייער קליין הינטל אַריינקריכן אין דער קאַר. ווערליג זיי האָבן געציטערט אַרום דעם הינטל, וואָלט איר געקענט מיינען, אַז ס'איז ווערט געווען כאָטש א מיליאָן דאָלער. נאָך מיין מיינונג איז עס אפילו קיין צוויי סענט ניט ווערט געווען. ס'איז געווען עפּעס א פאַרוואַקסן באַשעפעניש, מיט פאַר־טרערטע אייגלעך. די „ליידי" האָט אים אָבער גענומען אויפן שויס, רעדנדיג: „קום, באַזי־וואָזי, זעץ זיך אין דער טעקסעלע פּאַמעלעכ־קע, פאַרפּלעק מיר ניט די ביבי־ווויבי" . . .

דאָס איז מסתמא געווען אַזאַ הינטיש לשון.

צוערשט האָב איך געמיינט, אַז ס'איז א שפּאַס, אָבער דער־נאָך האָב איך באַשלאָסן, אַז די מענטשן זיינען פּשוט „נאַטס".

— ווייסט, — זאָגט דער דזשענטלמען צו דער ליידי, אַנווייזנ־דיג אויפן כלב, — מ'וואָלט געדאַרפט אַריינגיין מיט „פלאַפּי'ן" צו א

דאָקטאָר. זי האָט זיך היינט אַנגעשלאָגן אָן אַ שטיינדל . . . אפשר האָט איר עפּעס געשאַדט . . .

— אָ דיער! אָ דיער! — האָט די לײדי געקרעכצט אין איינע זאָרג, — מאַי דאַרלינג, באַבי־וואַבי!

זיי זײַנען געפאָרן ניט ווייט. אַרויסקריכנדיג האָבן זיי דעם הונט צערטלעך צוגעהאַלטן, אַז ס׳זאָל אים, חלילה, גאָרניט געשען. ווען דער דזשענטלמען האָט מיר באַצאָלט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן היינט פאַרשפּעטיגט מיט זיבן מינוט צו לייגן „פלאָפי׳ן" שלאָפן . . .

אין אַ פּאָר שטונדן אַרום איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אויף דער איסט־סאַיד. איך בין געשטאַנען ערגעץ אויף אַ ראָג לעבן אַן אַלטער טענעמענט־הויז. פּלוצלונג זע איך, ווי ס׳קומט אָן אַ מאַן און אַ פרוי מיט זייערס אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט אויסגעזען פון אַ יאָר זיבן.

די פרוי האָט געשטופּט אַ קינדערוועגעלע און דער מאַן האָט געפירט דאָס מיידעלע ביי דער האַנט. זיי האָבן זיך, אַפּנים, גע־איילט און דער מאַן האָט געשלעפּט דאָס מיידעלע, כמעט אויפ־הויבנדיג זי אין דער לופטן. זי האָט געמוזט מאַכן דריי טריט צו זײַן איינעם, כדי אים נאָכצוהאַלטן.

פּלוצלינג האָט דאָס מיידעלע זיך פאַרטשעפּעט אין עפּעס און איז שיעור ניט געפאַלן. דער פאָטער האָט זי מיט כעס אַ טרייסל געטאָן פאַרן הענטל און זי אויסגעגלייכט אויף די פיס. ס׳איז אָבער געווען אַזאַ טרייסל, אַז כ׳האָב געמיינט, אַז ער דרייט איר אויס דאָס הענטל, ווייל זי האָט אויסגעשריען פאַר ווייטאָג.

ס׳האָט מיך אָנגענומען ביים האַרצן. איך האָב זיך ניט גע־קענט באַהערשן און בין צוגעגאַנגען צום ברוט און געזאָגט:

— הער נאָר, דו, ווי שעמסטו זיך ניט אַזוי צו שלעפּן דאָס קינד? וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען איך זאָל דיר אַזוי אַ דריי טאָן די האַנט?

דער פּיינלינג האָט מיך אָנגעקוקט דערשראָקן און איז אוועק־געגאַנגען. ער האָט, יעדנפאַלס, געפירט דאָס קינד אביסל פאָרזיכ־טיגער, ביז ער איז אוועק פון מיינע אויגן. די מוטער האָט זיך ניט אַריינגעמישט, גלייך ס׳איז גאָרניט געווען איר עסק.

איך האָב זיך צוריקגעזעצט אויף דער טעקסי. איך האָב גע־קלערט וועגן דעם הונט „פלאָפי" און וועגן דער קליינער, אומגליק־לעכער מיידעלע.

דער מאַן מיט דער צעפּלעטשטער נאָז

דאָס האָט געטראָפן שוין זייער לאַנג צוריק, נאָך אין די ערשטע יאָרן פון מיין „העסן". איך געדענק דאָס אָבער זייער קלאָר, ווייל דער פּאַסאַזשיר, וואָס איך האָב דעמאָלט אויפגענומען, איז געווען א וועלט־באַרימטקייט.

איך בין געשטאַנען מיט דער טעקסי אויף קאָלאָמבוס עוועניו און 65־טער גאַס. עס איז געווען אַרום צוויי אַזייגער פאַרטאָג. איך בין גראָד געווען מיד נאָך א לאַנגער נאַכט אַרבעט און האָב אַזוי, זיצנדיג, גענומען דרעמלען. קומט פון דער לינקער זייט גאַס צו א מאַן און מאַכט אויף די טיר פון דער טעקסי. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, א קוק געטאָן אויפן פאַרשוין און מיר איז ניט געפעלן געווען זיין אויסזען. אַן איירישער, ניט ראַזירטער פּנים, מיט א צעפּלעטשטער נאָז, ווי ביי א פּרייז־פייטער. ווער ווייסט וויפיל קלעפּ אָט די נאָז האָט שוין אַריינגעכאַפּט! אויפן קאָפּ איז אים געזעסן א העל גרויע קעפּ, טיף אַנגערוקט איבער די אויגן.

איך האָב אים אָבער ניט געקענט אָפּזאָגן. האָב איך אים געפרעגט, וואוהין ער וויל פאָרן. איך האָב מיר געטראַכט, אז אויב ער וועט מיר מאַכן „טראָבל", וועל איך אים צו זיין צעפּלעטשטער נאָז, צולייגן נאָך א פּאָר „פּלעצלעך", אָדער אים גלאַט אָנברעכן די ביינער; ווייל איך אליין, ווי איר קוקט מיך אָן, בין אויך ניט קיין שיפּע זיבעלע . . . און ער זיצט שוין דערווייליע אינעווייניג.

— וואַרט א ווײַלע, — זאָגט ער צו מיר, — דאָרט קומען מיינע פריינט. מיר וועלן פאָרן צוזאַמען.

דאָס איז מיר שוין גאָרניט געפעלן געוואָרן. נאָך זיין אויסזען, האָב איך זיך שוין געקענט פאָרשטעלן, וואָס פאַר א מין פריינט עס וועלן דאָ באַלד אָנקומען.

איך זע, עס קומט אָן נאָך א מאַן, אביסל א קלענערער, אָבער אָנגעטאָן גאַנץ אַנדערש — אין א שיינעם שוואַרצן אַנצוג, ווי א פיפט־עוועניו ספּאָרט, מיט א הויכן גלאַנצעדיגן הוט און מיט א פיין שטעקעלע אין דער האַנט. און צוזאַמען מיט אים גייען צוויי פאַרפּוצטע ליידים, ביידע אביסל בגילופין, און זיי טומלען איבער דער גאַנצער עוועניו . . . און נאָך איידער זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַר, בין איך פון זייערע רייד געוואויר געוואָרן, אַז דער יונגערמאַנטשיק מיטן צעפּלעטשטן נאָז איז געווען, ניט מער און ניט ווייניגער, ווי דזשעק דעמפּסי, דער דעמאָלטדיגער שווער־

געוויכטיגער טשעמפּיאָן פון דער וועלט.

אָט אים האָב איך דאָס ערשט געפּלאָנעוועט, אין פאַל פון „טראָבל", אָנצעברעכן די ביינער.

איך האָב מיך יענע נאַכט גאָרניט גענאַרט. הלואי שיקט מיר גאָט צו אַ סך אַזעלכע פּאַרשוינען! . . .

„הער" און „טעיל"

נאָך אַ פּראָמינענטע פּערזענלעכקייט איז געפאָרן אין מיין טעקסי. דאָס איז געווען וויליאַם דזשיי. פלין, דער קאָמישיאָנער אָוו פּאָבליק וואָרקס, אין די בראָנקס.

אויפן קאָרנער מעקלעלאַן און ריווער עוועניו איז ער געשטאַנען מיט זיינע דריי טעכטער און געוואַרט אויף אַ טעקסי. בין איך פאַרביי־געפאָרן און ער האָט אַ פייף געטאָן: „העי, טעקסי!" איך בין צוגעפאָרן, אָבער אַ צווייטע טעקסי איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג און זיך אויך אָפּגעשטעלט פאַרן קאָמישיאָנער.

— וואָס איז דאָס אַ „רעקעט"? — האָט דער קאָמישיאָנער געלאַכט, — אַ י י ן טעקסי איז מיר גענוג.

— אָלרייט, — זאָג איך און מאַך־אויף די טיר פון מיין קאַר.

— אָלרייט, — מאַכט־אויף דער צווייטער טעקסי־טרייבער די טיר פון זיין קאַר.

דער קאָמישיאָנער האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט און די ליידים האָבן זיך צעלאַכט אויפן קול.

— איך האָב אַ פּלאַן, באָיעס, — האָט זיך דער קאָמישיאָנער אָנגערופן און ארויסגענומען פון קעשענע אַ זילבערנעם „קאָוודער",

— לאָמיר וואַרפן גורל! ווער פון אייך ס'וועט געווינען, מיט דעם וועל איך פאָרן . . .

ער האָט פלינק אַ דריי געטאָן די מטבע, זי אַ וואָרף געטאָן אין דער לופטן און דער „קוואָדער" איז מיט אַ קלונג געפאַלן אויפן טראָטואַר.

— „הער!" — האָב איך אויסגעשריען.

— „טעיל!" — האָט מיין קאָנקורענט אויסגעשריען.

די שפּיל איז אויף אַן אמת געוואָרן אינטערעסאַנט. צוויי

טעקסי־טרייבערס, דער קאָמישיאָנער פּלין און דריי פּאַרפּוצטע ליי־דיס האָבן זיך אַלע געוואָרפן אויפן טראָטואר צום קוואָדער, ניי־געריג צו וויסן, וועד עס האָט געוואונען.

— יו ווין, — האָט דער קאָמישיאָנער געשמייכלט צו מיר צופרידן און גענומען אריינקריכן אין מיין טעקסי, — פיר מיך צום האָטעל „נאַיטס אָוו קאָלאָמבוס” . . .

„סטאַרס” און „גדולים”

פּונקט ווי אין יעדן פאַך און פּראָפעסיע עס זיינען פאַראַן קינסטלער בעל־מלאכות, אזוי זיינען אויך צווישן טעקסי־טרייבערס פאַראַן קינסטלער, ממש טאַלאַנטן, וואָס יעדער ריר זייערער, יעדע באַוועגונג איז ביי זיי אויסגערעכנט, אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן; יעדער טראָפּן געזאָלין, וואָס זיי פאַרברענען, טרייבנדיג זייער טעק־סי, מוז זיי, אומבאַדינגט, אריינברענגען אזוי פיל און אזוי פיל סענטן און דאָלערס. און פּונקט אזוי זיינען פאַראַן צווישן זיי לאָ־יוצלח׳ס, לעמעשקעס, צעקראָכענע ברואים, וואָס בלאָנקען זיך ארום איבער די גאסן פון דער שטאָט און ווייסן ניט וואו איין און וואו אויס און געפינען ניט קיין שטאָך ארבעט.

איך וועל אייך פאַרטרויען אַ סוד, אַז אפילו איצט, ווען די טעקסי־ביזנעס איז שוין אינגאַנצן אויסגעשפּילט, זיינען נאָך פאַראַן אַ סך שאָופערס וואָס מאַכן אַ סך געלט, וואָס וואוינען אין שיינע אַפּאַרטמענט הייזער, צאָלן הויכע דירה־געלט, זייערע ווייבער און קינדער טראָגן שיינע קליידער, עסן און טרינקען און פאַרברענגען גוט, פאַרגינען זיך פון שענסטן און בעסטן, פּונקט ווי אַמאָל אין די אַלטע, גוטע צייטן.

אין דערזעלביגער צייט זיינען דאָ טויזנטער שאָופערס, וואָס ארבעטן זיך אָפּ די זייטן און שטאַרבן פון הונגער.

פאַרוואָס איז דאָס אזוי?

ביי דעם ספּעציאַליסט טעקסי־טרייבער איז אויסגערעכנט יעדער שעה פון טאָג אָדער נאַכט, וואו ער קען קריגן זיין פאַרשוין.

גאַנץ פרי, צום ביישפּיל, וועט ער זיך געפינען אין די בראָנקס, אָדער וואַשינגטאָן הייטס, ווען געשעפטסלייט לאָזן זיך ארויס צו

זייערע „ביזנעס" דאון טאון. אמאָל קריגט דער טעקסי־טרייבער ארוים פון איין אפּאַרטמענט הויז פינף פאַרשוינען. ער מאכט זיי א „מציאה": 50 סענט א שטיק. דער זייגער גייט ביז דער 34־טער גאס אַרום צוויי דאָלער. האָבן די פּאַסאַזשירן א „באַרגעין", ע ר קריגט דעם „דזשאָב" און ער מאכט נאָך א האַלבן דאָלער פאַר זיך.

ביטאָג „דרייט" ער זיך ארום אין רעכטן געדיכטן דאון טאון. ער ווייסט ווי אָפּצוזוכן דעם עולם, וואָס שטראָמט ארוים פון די מאַטינע־פאָרשטעלונגען. מערערע מאָל נאַרט ער זיך ניט אָפּ און קריגט א פּאַסאַזשיר, וואָס ער דערוואַרט. אין אָוונט לאָזט ער זיך אַוועק צו די סאָבוויי־סטיישאָנס אָפּ טאון און דערנאָך ווידער אין די בראָנקס. דאָרט קריגט ער עטלעכע „קוואָדערדיגע" פאַרשוינען מיט עטלעכע „דאַימס" אַלס „טיפּס" . . . ער ווייסט ווען זיך אריינצוכאַפּן אין „קוילן־דיסטריקט" (אין האַרלעם, צווישן די נעגערס), ווען מען קען דאָרט מאכן א דאָלער. ער ווייסט אַלע נאכט־קלובן, חתונה־זאַלן. ער ווייסט אַלע שפּיצלעך, ווי זיך אריינצוכאַפּן אין א גאס, וואו ליידיגע טעקסיס טאָרן זיך ניט „ארומדרייען" . . . און דאָרט איז ער זיכער מיט א פּאַסאַזשיר . . . ער ווייסט אפילו א סך ניט גאַנץ „כשר'ע" פּלעצער און זאכן, וואָס ברענגען אים אריין א „כשר'ן" דאָלער, וועלכן ער דאַרף אזוי נויטיג האָבן . . .

אויף די אַלע אויסגערעכנטע פּלעצער בלאָנקען זיך אפילו ארום א סך אנדערע טעקסיס, ניט יעדער אָבער קען קריגן דעם „דזשאָב". זיי זיינען אַביסל צו „סלאָו", צו „קלאָמזי". עס פעלט זיי די פייאיגקייט דערצו.

דער פייאיגער העקמאַן, ווען ער לאָזט זיך נאָר ארוים פון גאַראַזש, איז ער ווי א בלוט־הונט, ווי א גיט־גוטער. ער דערשמעקט דעם „פאַרשוין" פון עטלעכע גאַסן ווייט. ניט אומזיסט רופט מען אים מיטן נאָמען „טשיזלער", „מאָוזלער". אין גאַראַזש אָדער אויף דער טעקסי־ליניע האָבן זיי שוין זייערע צונעמען: „איגל־אי־מעקסי", „ווייזל", „ספּאַרקי", „פּעפּי", און נאָך אנדערע פּאַסיגע נעמען . . .

אין יעדן גאַראַזש געפינט זיך שטענדיג איינער אָדער צוויי פון דעם סאָרט „טאַלאַנטן" און „סטאַרס", וואָס ברענגען אריין די „גרעסטע געלטער". זיי קריגן דערפאַר פון דער קאָמפּאַניע וועכנטלאָכע באַלוינונגען (באָנוסעס), מען קלייבט פאַר זיי אויס די בעסטע און שענסטע טעקסי־קעבס, וואָס דאָס גיט זיי נאָך מער געלעגנהייט

צו פליען, צו „האָסלען" און צו פאַרדינען נאָך מער געלט.

ווען אַט דער „גרויסער טאַלאַנט" געפינט זיך אויף דער טעקסי־ליניע, מוז ער שטענדיג באַלעבאַטעווען, זאָגן דעות און מיט אַלע כוחות ניט צולאָזן קיין נייע שאָופערס. בלייבט אָבער אַמאָל יאָ איינער שטיין און קריגט אַ פּאַסאַזשיר פון דער ליניע, פאָרט ער אַוועק מיט אַ „פלעט טאַיר" אָדער מיט אַ פּאָרציע צעמאָלענעם פּעפער ביי זיך אין „גאַזאָלין־טענק". זיין קאַר האַלט יענעם טאָג אין איין בלייבן שטיין, „שפּייט" פון הינטן און פון פאָרנט, ניסט און שיסט . . . יענער שאָופער וועט שוין מער צו דעם פּלאַץ ניט צוריקקומען.

נאָך אַ שפּיצל איז פאַראַן, וואָס מען טוט אָפּ דעם פרעמדן. איינער פון דער חברה דערציילט אים עפּעס אַ מעשה און אַ צווייטער שטעלט אים הערוויל אונטער אַ „דזשעק" אונטער זיין קאַר און הויבט אויף איינע פון די הינטערשטע רעדער, אומגעפער אַ פערטל אינטש פון דער ערד. (אויב איר האָט אַן אויטאָמאָביל און איר האָט אַמאָל געדאַרפט בייטן אַ „פלעט טאַיר", ווייסט איר, מסתמא, וואָס עס הייסט „אויפדזשעקן" אַ קאַר). שטייט זיך אַזוי דער פרעמדער מיט זיין קאַר, ביז גאָט העלפט אים און ער קריגט אַ פאַרשוין. נו, לאָזט ער גיין דעם מאָטאָר, וויל זיך לאָזן פאָרן און — אַ געכטיגער טאָג! די קאַר רירט זיך ניט פון אָרט. ער גיט איר גענוג „געז", אַלץ אַרבעט, עס קלאַפּט, עס דרייט זיך, די טעקסי ציטערט, רייסט זיך, אָבער פון פּלאַץ קען זי זיך ניט אָפּרייסן.

ער קריכט ענדלעך אַראָפּ פון זיץ, באַטראַכט די מאַשין, אָבער צוליב זיין גרינקייט און אומדערפאַרנקייט קען ער ניט אויסגעפינען, וואָס די צרה איז. די אַנדערע טעקסים פאָרן דערווייל אָפּ מיט פּאַסאַזשירן און קומען ווידער צוריק. ביז ענדלעך דער פרעמדער גייט טעלעפאָנירן צו זיין גאַראַדזש, מ'זאָל אים שיקן אַ בעל מלאכה. אין דער צייט, וואָס ער שטייט ערגעץ ביים טעלעפאָן, נעמט מען דערוויל אַרויס דעם „דזשעק" פון אונטער זיין קאַר. אַז דער בעל־מלאכה קומט איז שוין אַלץ אָלרייט. דעם פרעמדן שאָופער בלייבט ניט מער, ווי צו וואונדערן זיך: „וואָס איז דער מער מיט דעם פאַרדאַמטן וואָגן?"

עס געפינט זיך אַמאָל אַ טעקסי טרייבער אויף דער ליניע, וואָס קען ניט צוזען די עוולות און צרות, וואָס „ספּאַרקי", אָדער „וויזל" טיילט אויס צו די גרינע שאָופערס און ער הויבט אָן צו טענה'ן:

— וואָס איז דער מער מיט דיר, „ספּאַרקי״? מיט וואָס איז דען יענער ערגער פון דיר? פאַרוואָס גיסטו דעם מאַן ניט קיין געלעגנהייט צו מאַכן עטלעכע סענט? מיינסט, אַז ער קומט אַהער צוליב פאַרגעניגן? איי׳ל בעטשע, אַז ער האָט אין דער היים אַ ווייב מיט קינדער, וועלכע קוקן אויס אויף די פּאָר סענט, וואָס ער טרייעט, נעבעך, צו פאַרדינען . . .

מעגט איר זען, ווי „ספּאַרקי״ ווערט אָן אָנגעצונדענער.

— און וואָס, מיינסטו, בין איך דאָ? פאַר „פּלעזשור״? — הויבט ער זיך אָן צו קאָכן, — מיינסט, אַז איך וועל אים לאָזן אַרויסרייסן דעם ביסן ביי מיר פון מויל? וואו איז ער געווען אין די גוטע צייטן, ווען ס׳איז געווען גענוג פאַר אַלעמען? געזעסן ערגעץ אין אַ וואַרימען שאַפּ און גענייט „פּענטס״ און אַהיימגע־טראָגן יעדע וואָך שווערע קאָנווערטלעך מיט געלט . . . ווער האָט דאָ געשיקט נאָך אים? מיינסט, אַז מיין ווייב און קינדער ווילן ניט עסן? אַז איך דאַרף ניט צאָלן קיין דירה־געלט? עס האַלט דאָך שוין באַלד דערביי אַז מיר זאָלן דאַרפן אָנקומען אויף „רעליף״ . . . זיי יאָגן דאָך דיך שוין פון דאָרט אויך ווי אַ משוגענעם הונט . . . און אַז שוין יאָ אַ משוגענער הונט, דאַרף מען זיך בייסן . . . ניטאָ מער קיין „גוטע״ באָיעס און „שלעכטע״ באָיעס. פאַראַן „גאָרילאָס״ און „קאַקרוטשעס״ . . . ביזטו שטאַרק און האָסט חוצפּה — סאָ גרעב הים! ווען ניט, וועט ער דיר „געבן די וואָרקס״ . . .

אָט דאָס איז די לאָגיק פון „ספּאַרקי״ און פון „איגל־אַי־מעקס״. אַן אַלטע, אויסגעדראָשענע לאָגיק, וואָס ווערט נאָך היינט צו טאָג פּראַקטיצירט, ניט נאָר אויף דער טעקסי־ליניע, צווישן טעקסי־טרייבערס, נאָר אפילו אין די גאָר־גאָר הויכע פענצטער און אין די טיפע ווילדערנישן פון די פאַרוואָרפנסטע וועלדער, צווישן ווילדע חיות . . .

געפונען דעם שאָדן

אַן אַלטער איטאַליענער מיט זיין פרוי און אַ „באָנטש״ קינ־דערלעך האָבן זיך איינמאָל, אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט, אריינ־געפּאַקט אין מיין טעקסי און זיך געהייסן פירן ערגעץ אין האַרלעם

אויף דער ערשטער עוועניו. זיי האָבן געשריִען און געליאַרעמט אויף זייער לשון און געמאַכט געוואַלדן. איך האָב געדאַנקט גאָט, ווען איך האָב זיי שוין אַרויסגעפּטר'ט, הויבט ערשט דער אַלטער אָן אויף מיר צו שרייען: סטרייטש, איך רעכן אים צו־טייער פאַרן „ראַיד". ער האָט געוואָלט ביי מיר אַראָפּדינגען כאָטש אַ קוואָדער. ענדלעך האָט ער מיר באַצאָלט און איך בין שנעל אוועק פון זיי . . .

איך האָב נאָכדעם לאַנג „געקרוזט", זוכנדיג אַ פרישן פּאַסאַזשיר, ביז ענדלעך איך בין געבליבן שטיין אויף אַ ראָג. איך זיץ אַזוי און טראַכט און הויב אָן צו דרעמלען. פּלוצלינג הער איך ווי אימיצער פּאָרקעט זיך אַרום מיין קאַר. איך קוק מיך אַרום, איך זע קיינעם ניט. מיט אַמאָל הער איך אַ געוויין:

— מאַ־אַ־מאַ!

איך שפּרינג אַראָפּ פון מיין זיץ, קוק אין אַלע זייטן און זע גאָרניט, אָבער דער געוויין „מאַ־מאַ" טראָגט זיך פון ערגעץ. איך גיב אַן עפן אויף די טעקסי, ערשט אַ קינד ליגט אויפן הינטערשטן זיץ, איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער שאַל, און פאַרגייט זיך פון געוויין.

עס האָט מיך באַפאַלן אַ ציטערניש. קודם האָב איך גענומען דעם קליינעם שרייערל אויף די הענט און אים אַריינגערוקט אַ פינגער אין פּיסקל. עס האָט אָנגעכאַפּט דעם פינגער און גענומען נאָגן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ערשט איצט האָב איך מיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען אָן דעם „באָנטש" איטאַליענער, וואָס איך האָב געפירט אין דער טעקסי.

— אַ פינצטערער חלום אויף זייער קאָפּ, — האָב איך זיי אָנגעהויבן צו שילטן און ניט קוקנדיג אויף מיין שרעק האָב איך אַזש אָנגעהויבן צו לאַכן:

— זיי האָבן קיין עין־הרע אַזוי פיל, אַז זיי קענען זיך פאַרגינען צו פאַרגעסן איינס אין אַ טעקסי.

איך האָב אויפגעזוכט אַן אַנדער טעקסי־טרייבער, מיינער אַ באַקאַנטער, און אים דערציילט מיין „טראָבל". יענער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער טעקסי, געשאָקלט די בייבי: „שאַראַפּ, יו ליטל וואַפּ!" און איך בין געפאָרן זוכן די הויז, וואו איך האָב אַרונטערגעלאָזן דעם „באָנטש" איטאַליענער. קומענדיג אַהין האָבן מיר שוין געטראָפן די גאַס גיין כאָדאָראָם. שכנים זיינען אַרומגעלאָפן ווי פאַר'סמ'טע; שוין געווען דאָרט צוויי פּאָליסלייט. דערזעענדיג אונז מיט דעם נפש, איז זייער פרייד געווען אומבאַשרייבלעך.

דער העלד

ארום פיר אזייגער פארטאָג, ווען א סך „טרעפיק״-לאָמפּן זיינען שוין אויסגעלאָשן, דער טומל אויף די גאסן אביסל איינגעשטילט און ניו־יאָרק שלאָפט שוין, האָט מיינער א פּאסאזשיר גערעדט צו מיר, בשעת מיר זיינען געשטאנען לעבן דעם וואנדערבילט האָטעל.

ער האָט מיר דערציילט, אז ער האָט זיך ערשט צוריקגעקערט פון אייראָפּע, פון א ווייטער רייזע, וואָס ער האָט געמאכט מיט אן עראָפּלאן. ער איז דאָרט געפלויגן, האָט ער מיר געזאָגט, איבער שווערע, גרויע וואָלקנס און דורך ווילדע שטורעמס; איבער הויכע שפּיציגע, מיט שניי־באדעקטע בערג; איבער פעלזן און היילן . . . איך האָב זיך געוואונדערט און אים געפרעגט, צי האָט ער גאָר קיין מורא ניט געהאט צו מאכן אזא רייזע. ער האָט זיך אויסגעלאכט פון מיר און געזאָגט, אז ער האָט ליב אזעלכע ריזיקאלישע אויפטואונגען.

פּלוצלינג איז לעבן אונדז, ווי א ווינט, פארבייגעלאָפן אן אנדער טעקסי, אזוי ארום 60 מייל א שטונדע, מיט א סווישטש, זזזיפּ! האָט איר געמעגט זען, ווי מיין העלדישער פּארשוין האָט געגעבן א מאך צו דאָס טירל פון דער טעקסי, מיר א וואָרף געטאָן א דאָלער און, ניט וואַרטנדיג אויף רעשט, איז ער, אין איינע שרעק, אריינגעלאָפן אין האָטעל.

בעיב רוט

איך האָב אמאָל אויף מיין טעקסי אויפגענומען בעיב רוט, דעם בארימטן בעיז־באָל שפּילער. ער איז געווען מיט זיינעם א פריינט. זיי זיינען פריער געפאָרן אין זייער אייגענער מאשין, נאָר עפּעס איז דאָרט קאַליע געוואָרן און זיי האָבן ניט געקענט ווייטער פאָרן. זיי האָבן געמוזט איבערלאָזן די „טויטע״ קאָר ערגעץ אויף אמסטערדאם עוועניו און מיר באפוילן, ווי שנעל עס איז נאָר מעגלעך, צו פירן זיי צום „יענקי סטאדיום״, וואו בעיב רוט האָט יענעם טאָג אליין געדאַרפט שפּילן.

איך האָב זיך גענומען יאָגן און טאָן מיין „בעסט״. דאַרף

זיך מיר אויפן וועג מאכן א שטיקל עקסידענט מיט אן אנדער אווי־טאמאביל. איך בין שנעל אראפ פון דער קאר, באטראכט מיין צע־בראכענעם „פענדער", פארשריבן דעם „לאיסענס"־נומער פון דעם אנדערן טרייבער, אים געגעבן מיין נומער, זיך צוריק ארויפגעכאפט אויף דער טעקסי און אין פופצן מינוט ארום בין איך שוין געווען ביים „יענקי סטאדיום".

איך עפן די טיר פון דער קאר און וויל ארויסלאזן מיינע בא־רימטע פאסאזשירן, ערשט — אינעווייניג אין דער טעקסי איז קיי־נער ניטא . . . איך בין געבליבן שטיין א דערשראקענער. אלע האבן מיך אנגעקוקט ווי א משוגענעם, וואס איך בין צוגעפארן מיט א ליידיגער טעקסי, און געמאכט דעם אנשטעל אז איך לאז כלומרשט ארויס פאסאזשירן.

ערשט שפעטער האב איך פארשטאנען, אז אין דער צייט, וואס איך האב זיך געאמפערט וועגן עקסידענט, האבן זיך מיינע פארשווי־נען מסתמא אריבערגעכאפט אין א צווייטער טעקסי און זיינען גע־פארן ווייטער.

אין עטלעכע טעג ארום איז מיר, אויפן אדרעס פון א היגער טעקסי־צייטונג, אנגעקומען פון בעיב רוט א טשעק אויף צוויי דאלער מיט אן אנטשולדיגונג, אז עס טוט אים זייער לייד, וואס ער האט ניט געקענט איבערחזרן מיין „ארגומענט" מיט יענעם שאופער, ווייל ער האט זיך זייער געאיילט צו דער „באל־געים".

דאס הייסט א ספארט!

איבערגעקליגערט

איך האב אמאל צוגעפירט א יונג פארל אויפן גרענד קאנקורס און 196־טע גאס, אין די בראנקס. דאס מיידל איז אויסגעשטיגן, זיך געזעגנט מיטן יונגנמאן, און ער האט זיך געהייסן צוריקפירן אויף ריווערסאיד דראיוו און 156־טע גאס. „ביזנעס" איז יענע נאכט געווען זייער שוואך, און אזא רייזע האט מיך ממש געקענט שטעלן אויף די פיס. אויף איין ראג בין איך געבליבן שטיין פאר די טרעפיק־לאמפן. הער איך ווי דאס טירל פון דער טעקסי מאכט זיך אויף, און מיין פארשוין רוקט זיך ארויס. און שוין שטייט ער אויפן טראטואר און רויכערט קאלטבלוטיג א סיגארעטל. איך האב

באַלד דערשמעקט „טראַבל". איך בין אראָפּ פון מיין זיץ און אים שנעל נאָכגעגאַנגען.

— וועל, — זאָג איך צו אים — פאָרסט ניט ווייטער?

— וואוהין ווייטער? — האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר א פּאָר אויגן פון פאַרוואונדערונג.

— האָסט דאָך געוואָלט פאָרן אויף ריווערסאַיד דראַיוו . . .

— איך האָב גאָר ניט געוואָלט, — האָט ער געשיפּעט דורך די ציין, — איך קען דיך ניט.

— טאָ באַצאָל מיר, וואָס מיר קומט.

— באַצאָלן, פאַר וואָס?

— מיר קומט ביי דיר צוויי דאָלער מיט נײַנציג סענט.

— יו אַר קרעיזי! — האָט ער זיך שוין בייזלעך צעשריען אויף מיר — איך האָב דיך קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען.

איך האָב פּרובירט מיט גוטן, מיט בייזן. איך האָב געזען, אַז דער בחור וויל מיר ניט באַצאָלן. עס איז געווען שוין צוויי אַזייגער פאַרטאָג און זייער קאַלט. א פראָסט האָט אום׳ברחמנות׳דיג גע־סמאָליעט און דורכגענומען ביז דער זיבעטער ריפּ. איך קוק אין אַלע זייטן, אפשר וועל איך דערזען א פּאָליסמאַן, אָבער איך האָב מיך שוין לאַנג איבערצייגט, אַז דאָרט, וואו מען דאַרף א פּאָליס־מאַן, איז ער ניטאָ.

— הער נאָר, — זאָג איך צו מיין פּאַרשוין, — איך פאַרשטיי אַז עפּעס איז מיט דיר ניט גלאַט. דו האָסט געוואָלט אָפּפירן דיין מיידל, נאָר אַזוי ווי דו האָסט קיין געלט ניט, מאַכסטו אָט די אַלע אָנשטעלן. איך פאַרשטיי, אַז דו ווילסט מיר באַצאָלן, נאָר דו קענסט ניט. דו זעסט אָבער ניט אויס ווי א „טשיפּ סקעיט" . . . איך וועל דיר מאַכן א פאָרשלאָג: איך וועל דיך פירן אהיים. איך האָב פאַר מיין געלט קיין מורא ניט. איך וועל וואַרטן, און דו וועסט אַרויפגיין צו דיר אין הויז, קריגן דאָס געלט און צוריק אַראָפּקומען מיר באַצאָלן. איך וועל איינשטעלן, ווייל דו זעסט מיר אויס, ווי א „גוד ספּאָרט".

דער בחור איז געוואָרן ווייכער. אים איז געפעלן געוואָרן מיין פאָרשלאָג. האָט ער מיך צוריקגערופן „גוד ספּאָרט", און באַלד האָב איך מיך מיט אים געטראָגן איבערן קאָנקורס. פאָרנדיג, האָב איך דערווייל געזוכט מיט די אויגן, אפשר וועל איך פאָרט דערזען א פּאָליסמאַן. אָבער אומזיסט! זיי ליגן אודאי באַהאַלטן אין די

האָלס פון די וואַרימע אַפּאַרטמענט־הייזער. איך פאַרקירעווע רעכטס אויף פאָרדהעם ראָוד, לינקס אויף יוניווערסיטי עוועניו — טויט, פוסט, חושך . . . ביז איך דערזע אַ פאָליסמאַנ׳ס בודקע. דערביי שטייט זיך רואיג דער פאַליס־„פליוועד“ און זעצט אַ שוואַר־צען רויך פון צווישן די הינטערשטע רעדער.

מיט איין דריי האָב איך פאַרקירעוועט לינקס. אַ קוויטש פון די „ברייקס“ האָט פאַרהילכט די שטילקייט. און וואָס דענקט איר? די טיר פון דער קליינער בודקע האָט זיך האַסטיג אויפגעמאַכט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן ארויסשיטן „קאַפּס“ איינער נאָכן אַנדערן, פיר גרויסע, פעטע, אין זייערע שווערע, בלויע מאַנטלען מיט זייערע שווערע נאַכט־שטעקנס אין די הענט. זיי זיינען געלעגן דאָרט אין דער בודקע און האָבן זיך געוואַרימט. לויט מיין צופאָרן האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עמיצער איז אין „טראָבל“. איך האָב זיי אַלץ דערציילט. איינער האָט אַ מאַך־אויף געטאָן די טעקסי און ארויסגעבעטן דעם פאַרשוין, ווי אַ חתן.

— פאַרוואָס באַצאָלסטו ניט דעם מאַן? — האָט איינער פון די פאָליסלייט געפרעגט, — מיט מיידלעך פאָרסטו ארום, האַ? און ווער, מיינסטו, וועט באַצאָלן פאַר דיר? א י ד , אפשר?

— אַי׳ל פּעי הים העל! — איז מיין פאַסאַזשיר בייז געוואָרן, — ער איז צו „סמאַרט“ פאַר מיר.

דעם פאָליסמאַנ׳ס האַנט האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם בחור׳ס קאָפּ. אַ צווייטער האָט אים אָפּגעשלעפּט אין אַ זייט.

— ליסן, דזשעק, — האָט זיך אריינגעמישט אויך דער דריטער פאָליסמאַן, ווענדנדיג זיך צום דערשראָקענעם יונגענמאַן, — דו בעסער באַצאָל, איידער ער צערייבט דיך, ווי אַ הערינג.

איר האָט געמעגט זען, ווי דער בחור האָט ארויסגעצויגן אַ פּעקל מיט פּאַפּיר־געלט און מיר באַצאָלט ביז אַ סענט, בשעת די אָרדענונגס־היטער האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

איך האָב געוואוסט, אַז זיי וואָלטן אים ניט געשלאָגן. אין ערגסטן פאַל וואָלטן זיי אים אוועקגעפירט אין פאָליס־סטיישאָן. דאָס איז אָבער פאַר זיי אַביסל צופיל ארבעט, האָבן זיי אים אָנגעשראָקן און אויף אַזאַ אופן איינגעמאָנט פאַר מיר די עטלעכע דאָלער.

ביי דער „דרעסמעיקערן"

א פרוי און איר טעכטערל — א מיידעלע פון א יאר דריי, מיט א ליכטיג פנימ'ל, ווי א מלאכ'ל, מיט בלאנדע צעוואָרפענע לאָקעלעך. איך פאָר מיט זיי אין א שיינעם נאָכמיטאָג פון דער וועסט־סאַיד, אַרונטער ביז וואשינגטאָן סקוועער. ביי א צווייטשטאָקיגער טונקעלער געביידע הייסט מיר די פרוי בלייבן שטיין. אויפן צווייטן שטאָק זע איך, עפנט זיך א פענצטער און עס באַווייזט זיך א מענערשער קאָפּ מיט שוואַרצע, צעפּאַטלטע האָר. דער קאָפּ פאַרשווינדט צו־ריק און אין עטלעכע מינוט אַרום באַווייזט ער זיך אונטן אין דער געעפנטער פראָנט־טיר. מיין פּאַסאַזשירקע שטייגט אויס פון דער טעקסי, קוקט מיך אָן א רגע און פרעגט מיך, צי וועל איך וואַרטן אויף איר א ווײַלע. זי דאַרף אַרויפגיין צו איר דרעסמעיקערין.

— אודאי, — זאָג איך.

— און האַלטן אָן אויג אויפן קינד?

— פאַרוואָס ניט?

מיין פּאַסאַזשירקע האָט זיך אָבער געזאַמט זייער לאַנג. עס גייט אַוועק א שטונדע, צוויי שטונדן, — זי קומט ניט. עס האָט מיך ניט געאַרט דאָס וואַרטן. מיין טעקסי־זייגער האָט דערווייל געאַר־בעט אויסגעצייכנט, אָבער דאָס קינד האָט מיר גענומען דעריקוטשען. איך האָב עס געמוזט פאַרשפּילן, דערציילן מעשיות. איך האָב איר געזונגען „אַטשי טשאַרניע", „א חזנ'דל אויף שבת". דאָס קינד האָט אָנגעקוואָלן . . . איך האָב צום סוף אָנגעהויבן ליב צו האָבן דאָס קליינע מלאכ'ל. א קלוג קינד געווען. דאָס מיידעלע האָט מיר אויף איר קינדערשן לשון דערציילט, אַז דער טעקסי דראַיווער פון לעצטער וואָך איז געווען א שלעכטער . . . מיך גלייכט זי בעסער, און צי וועל איך נעקסטע וואָך ווידער מיט איר שפּילן, ווען די מאַמע וועט אַרויפגיין צו דער „דרעסמעיקערין" . . .

ענדלעך איז מיין פּאַסאַזשירקע אַרונטערגעקומען. זי האָט זיך צניעה'דיג גערויטלט און זיך פאַרענטפערט, פאַרוואָס זי האָט מיך געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן. עס האָט גענומען לאַנג דאָס „מעסטן" און די „דרעסמעיקערין" האָט אין זיך „ניין מאָס" רייד . .

זי האָט גערעדט וועגן דער „דרעסמעיקערין" און פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען א מענערשער קאָפּ מיט שוואַרצע, צעפּאַטלטע האָר . . .

פיר גרעסערע דערציילונגען

מיין באַקאַנטער

איך פּלעג זיך מיט אים גאַנץ אָפט באַגעגענען אין אַ בראָנקסער רעסטאָראַן. ער פּלעגט אַהער קומען שפּעט ביינאַכט, איילנדיג זיך אַוועקזעצן ביי אַ זייטיגן טישל, אויפעסן אַ סענדוויטש, אויסטרינקען אַ קאַווע, איבערקוקן אַ מאָרגן־צייטונג, באַטראַכטן די עטלעכע שפּעטע געסט אין רעסטאָראַן און גלייך פאַרשווינדן. נאָך זיינע אַרבעטס־קליידער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער מוז דאָ ערגעץ האָבן אַ ביינאַכטיגן דזשאַב און ער פּלעגט זיך דאָ אַריינכאַפּן עפּעס איבערבייסן און ווידער אַוועקגיין צו זיין אַרבעט.

באַקענענדיג זיך מיט אים בעסער, בין איך געוואויר געוואָרן, אַז ער איז אַן עלעקטריקער און ער אַרבעט ביי דער טעלעפאָן קאָמפּאַני טאַקע דאָ אויף דער זעלביגער גאַס.

אַ הויכער, שיינער בחור, מיט צוויי אויסגעאַרבעטע שטאַרקע הענט. אַ מאָגערער, אָבער קרעפטיגער פּנים, מיט צוויי פאַרטראַכטע קלוגע אויגן. מיר איז שטענדיג געווען אָנגענעם זיך צו זעצן אַנטקעגן אים, טרינקען מיין קאַווע און, ווען איך פּלעג נאָר באַמערקן, אַז ער איילט זיך ניט, פּלעג איך ליב האָבן צו שמועסן מיט אים וועגן פאַרשידענע זאַכן.

אַחוץ דעם טרעפן זיך מיט אים אין רעסטאָראַן, פּלעג איך אים נאָך כמעט יעדן זונטאָג אָוונט זען ביי דעם סאָבוויי־סטיישאָן, טאַקע לעבן דעמזעלביגן רעסטאָראַן, וואו איך פּלעג מיט מיין טעקסי וואַרטן אויף פּאַסאַזשירן. ער פּלעגט פלינק אַרונטערלויפן פון די שטיגן, אָנגעטאָן אין אַ שיינעם יום־טוב׳דיגן אַנצוג און העלן אויבערמאַנטל. די נייע געפּאַסטע מלבושים האָבן אים אינגאַנצן פאַרענדערט. ער האָט אויסגעזען צאַרטער און אינטעליגענטער. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלצער, בויגזאַמער און לעבעדיגער.

— העלאָ, קיד! — פּלעגט ער אויסרופן מיט זיין געוויינלעכער איילעניש און אַריינשפּרינגען אין דער טעקסי, — לעט׳ס גאָו!

איך האָב שוין געוואוסט וואוהין ער פאָרט יעדן זונטאָג פאַרנאַכט. אויף נעלסאָן עווענוו פּלעגט ער אַרויסשפּרינגען פון דער טעקסי לעבן אַ גרויסער שיינער פּריוואַטער הויז, מיר באַצאָלן, אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט: „סאָ לאָנג, באָדי!״ און אַרויפלויפן די שטיגן פון דער הויז.

א סך מאָל האָט אויף דעם גלעזערנעם גאַניק פון דער הויז גע־וואַרט אויף אים א יונג מיידל. זי פלעגט זיך איינטוליען אין אים, קוקן אויף אים מיט ליבשאַפט אין אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן און צוזאַמען מיט אים אַריינגיין אין דער הויז.

איך פלעג מיך וואונדערן אויף דעם שיינעם, יונגן בחור, אויף זיין לעבעדיגקייט, אויף דער פאַרענדערונג וואָס קומט מיט אים פאָר ווען ער טוט נאָר אויף איין טאָג אויס זיינע פאַרשמירטע אַרבעטס־קליידער. זיין פּנים ווערט אים דעמאָלט ליכטיגער, די הענט — ווייסער און צאַרטער, דער שמייכל — ליבלעכער, דאָס קול — פרייער און קלינגענדיגער.

ער פלעגט א סך ריידן מיט מיר, זיצנדיג אין רעסטאָראַן ביי א טעפּל קאַווע, אָבער נאָר געציילטע ווערטער פלעגט ער מיר צו־וואַרפן, פאַרנדיג מיט מיר אין מיין טעקסי. די יום־טוב׳דיגע קליי־דער האָבן אים אפּנים אביסל אָפּגעפרעמדט פון א פשוט׳ן טעקסי־שאָופער.

איך האָב דאָס אים מוחל געווען. איך האָב געפונען א תירוץ: מסתמא איילט ער זיך צו יענער שיינער מיידל, וואָס וואַרט אויף אים . . . א כלה, אפשר, אָדער א געליבטע . . .

דערפאַר האָט ער מיך שוין צופרידנגעשטעלט אין די שפּעטע נאַכט-שטונדן אין דעם וואַרעמען, ליכטיגן רעסטאָראַן.

איך בין פון אים געוואויר געוואָרן, אַז ער קומט פון קאַנאַדע. דאָ אין ניו־יאָרק געפינט ער זיך שוין א יאָר פינף. ער פאַרדינט גאַנץ גוט. שיקט זיינע עלטערן רעגלמעסיג געלט אויף צו לעבן.

— און דאָ האָט איר עפּעס משפחה? — האָב איך אים גע־פרעגט.

— עפּעס א פעטער האָט זיך דאָ פאַרוואַלגערט, — האָט ער געלאַכט. — ווייל ער אָבער פון מיר ניט ווייסן, און איך וויל אים אויך ניט קענען . . . צו רייך, ברודער־לעבן! עפּעס אמאָל האָב איך געפּרואווט אַרויפגיין צו אים, כע־כע! האָט איר געמעגט זען אַן אויפנעם! כ׳האָב געמיינט אַז כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט אויפן נאָרד־פּאָל . . . ער האָט מיר גאָר געוואָלט איינריידן, אַז איך קום צו אים אַלעמאָל בעטן געלט . . . פון דעמאָלט אָן — „נאָ מאָר!״ כ׳וויל זיין פּנים ניט אָנקוקן.

ער האָט געטרונקען זיין קאַווע, איבערגעמישט א בלעטל פון דער צייטונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און ווידער

גערעדט צו מיר:

— איך מיינט אַז ניו־יאָרק איז מיר אַזוי ליב, אַז צוליב ניו־יאָרק האָב איך איבערגעלאָזן אַלטע טאַטע־מאַמע און בין געקומען דאָ זוכן גליקן? שווער ארבעטן קען איך אין דר'היים אויך און פאַרדינען פונקט ווי דאָ . . . ניין! דאָס לעבן איז מיר דאָ דער־ווידער. עס איז צו אָנגעשטרענגט: אַ שיף אָן אַ רודער, אַן אי־בערקערעניש, אַ גיהנום . . . ניין, ניט דאָס האַלט מיך דאָ אויף.

— אַ סוויטהאַרט", מסתמא, — האָב איך אים געפּרואווט ארויסהעלפן און געשמייכלט.

— „נאָ סער!" — האָט ער מיר איבערגעשלאָגן — איך האָב ניט דערוויל קיין „סוויטהאַרט". דער קאָפּ ליגט מיר ניט ביי די נאַרישקייטן.

איך האָב מיך דערמאָנט אין זיינע זונטאָגדיגע וויזיטן אויף געלסאָן עוועניו, אין דער שוואַרצאויגיגער מיידל, וואָס פלעגט אים באַגעגענען אויפן גאַניק.

„ער בלאָפט אַביסל צו, דער בחור", — האָב איך פאַר זיך גע־שמייכלט.

— וואָס־זשע דען האַלט אייך דאָ אויף אין ניו־יאָרק? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַ קלייניגקייט . . . —ער האָט אַ רגע געטראַכט, מיך דורכ־גענומען מיט זיינע קלוגע אויגן און ווידער גערעדט:

— איך האָב מיינע עלטערן עפּעס געשוואוירן און איך וויל מיין שבועה האַלטן . . . שוין אַ סך יאָרן זיינען אַוועק זינט דע־מאָלט . . . עס איז עפּעס פאָרגעקומען אין אונזער פאַמיליע, וואָס האָט מיינע עלטערן דאָס לעבן פאַרביטערט און צעבראָכן . . . שוין אַכט יאָר ווי מיינער אַ ברודער האָט זיך מיט טאַטע־מאַמע צעקריגט און איז אַוועק פון דער היים . . . איך בין שוין דאָ פינף יאָר . . . איך וויים אַז ער איז דאָ און איך מוז אים געפינען און צוריק אהיים ברענגען . . . עס ווייזט אויס, אַז ע ר איז דאָס גע־ווען ביי מיין רייכן פעטער און געבעטן שטיצע . . . און ווען א י ך בין געקומען צו אים האָט ער געמיינט אַז ס'איז ווידער ע ר . . . אָט דערפאַר בין איך אַזוי זיכער, אַז מיין ברודער איז דאָ אין ניו־יאָרק . . . איך זוך און פרעג און נישטער . . . איך לעב מיט דער האָפענונג אים צו געפינען . . .

און ער דערציילט מיר ווי זיינע עלטערן גייען ממש אויס פון

בענקשאַפט נאָך זייער אינגסטן זון . . . יעדער בריוו זייערער איז דורכגעווייקט פון טרערן.

* * *

די גאַס איז אויף אַ רגע אויפגעטרייסלט געוואָרן. דאָס איז געווען אין אַ זונטאָג אָוונט. איך בין צוגעפאָרן צום סאַבוויי־סטיישאָן און זיך מיט מיין טעקסי אַוועקגעשטעלט אויף מיין געוויינלעכן פּלאַץ. דער געהודער איז אָבער געווען אויסערגעוויינלעך. מענטשן זיינען געלאָפן פון אַלע זייטן, געשריען, געקוויטשעט. די גאַס איז אין איין אויגנבליק געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן.

וואָס איז געשען?

מ׳האָט איבערגעפאָרן אַ מענטשן.

איך האָב מיך אויך געפּרואווט דורכשטופן דורך דער געדיכטער, טומלדיגער מאַסע מענטשן, כּדי צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם איבערגעפאָרענעם, וועלכער איז געלעגן אין אַ זייט גאַס. עס איז אָבער געווען אוממעגלעך. ערשט ווען ס׳איז אָנגעקומען אַן אַמבולאַנס און מ׳האָט דעם איבערגעפאָרענעם אויפגעהויבן פון דער ערד, ערשט דעמאָלט האָב איך געכאַפּט אַ קוק אויף זיין פּנים. דאָס איז געווען אַ מאַן. אין שיינע יום־טובֿ׳דיגע קליידער, יונג און צאַרט; זיין העלער אויבערמאַנטל איז געווען פאַרגאָסן מיט פריש בלוט; די הענט האָבן זיך אים הילפלאָז נאָכגעשלעפּט, ווי צוויי איבערגעהאַקטע פליגל.

איך האָב אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען מיין באַקאַנטער פון רעסטאָראַן . . . מיין פּאַסאַזשיר פון נעלסאָן עוועניו . . .

דער אַמבולאַנס איז מיט אַ קלינגעריי און טומל אַוועקגעפאָרן. דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ווי נאָך אַ לויה. עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ געוויין. איך האָב מיך געשעמט פאַר מענטשן מיט מיינע טרערן . . . אַ טעקסי־שאָפער וויינט ניט . . .

אויף מאָרגן שפּעט ביינאַכט, איך קום אריין אין רעסטאָראַן. כ׳גיי דורך די לאַנגע שורה טישלעך און איך האָב מורא אַ קוק צו טאָן צו יענעם לעצטן טיש, וואו איך פלעג אַלעמאָל פאַרברענגען מיט מיין אומגליקלעכן באַקאַנטן. עס האָט מיר אָבער ניט געהאָלפן. איך האָב ניט ווילנדיג פאַרט אַ קוק געטאָן און . . . און איך האָב א י ם דערזען, ווי געוויינלעך . . . זיצט מיט זיין צייטונג, עסט זיין סענדוויטש און פאַרזופּט מיט קאַווע . . . איך בין געבליבן שטיין ווי געליימט, דערשראָקן, פאַרוואונדערט און דער־

פרייט . . . איז דאָס ער? יאָ, דאָס איז ער . . . ווי אַזוי? איך האָב אים, דוכט זיך, אַליין געזען ווי צעבראָכן, צעשלאָגן און פאַרבלוטיגט ער איז געווען, ווען מען האָט אים אַריינגעהויבן אין אַמבולאַנס . . . ערשט נעכטן . . . אַלע האָבן דאָך געשריען: דערהרג'עט! טויט!"

ווי־זשע קומט ער אַהער?

און ער האָט אַריבערגעקוקט איבער דער צייטונג, מיך דערזען און, גלייך ווי גאָר ניט, אַ שמייכל געטאָן:

— העלאָ־אָ!

איך האָב מיך קוים געקענט האַלטן אויף די פיס . . איך האָב מיך געמוזט זעצן אַקעגן אים. באַטראַכט אים פון אַלע זייטן: אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג. קיין קראַץ, קיין סימן פון עפּעס אַן אומגליק.

איך האָב געגאַפּט:

— ווי איז עפּעס „ביזנעס"? — פרעגט ער מיך זיין געוויינלעכע פראַגע.

— אָלרייט! — ציטערט מיין קול.

— איר זעט עפּעס אויס אַזוי צעטראָגן, — פרעגט ער מיך איבער.

— „איך מאַך אַ וועט", — זאָגט איך און איך דערקען ניט מיין אייגן קול, — פון נעכטן אָן קען איך מיר קיין אָרט ניט געפינען . . . נאָכן „עקסידענט" . . .

— נאָכן „עקסידענט"? — וואונדערט ער זיך, — איר האָט געהאַט אַן „עקסידענט"?

— כ'מיין: א י י ע ר „עקסידענט"!

— מ י י ן „עקסידענט"? — חזר'ט ער איבער, — איר מוזט ריידן פון היץ, „מאַי דיר פרענד!" . . .

פאַר מיר איז דאָס געווען צופיל. אָט זע איך אים, דוכט זיך, אויפן לייווענטענעם טראָג־בעטל, איך דערקען זיין צאַרטן פּנים, זיין העלן, געפּאַסטן אויבערמאַנטל, זיין קאָפּ שווארצע האָר . . . איך זע אים, דוכט זיך, טויט, ערשט מיט איין טאָג צוריק און דאָ זיצט ער זיך רואיג, אומבאַרירט און וואונדערט זיך: ע ר האָט געהאַט אַן „עקסידענט"?

אַ ווילדער שרעק האָט מיך באַפאַלן; עפּעס האָט מיר געפּלאַצט אין מוח; עפּעס האָט אויפגעטויכט אין מיין זכרון: אַ

ברודער . . . א ברודער . . . מיין באַקאַנטער זוכט זיין ברודער . . פינף יאָר זוכט ער אים . . . אפשר? אפשר? אַט יענער אין אַמבולאַנס, דער צעשלאָגענער, צעבראָכענער, צעבלוטיגטער . . . אפשר איז יענער געווען זיין ברודער? . . . און איך האָב געמיינט, אַז ס'איז ע ר . . . זיין רייכער פעטער האָט דאָך אויך ניט געוואוסט קיין חלוק צווישן זיי . . .

איך האָב געשוויגן.

איך האָב ניט געקענט רוען. דעם אַנדערן טאָג, גלייך אינדערפרי, בין איך געלאָפן אין האָספּיטאַל, געפרעגט אויף דעם אַיבערגעפאָרענעם פון לעצטן זונטאָג. דער יונגערמאַן איז געווען טויט.

* * *

מיין באַקאַנטער זוכט נאָך אַלץ זיין פאַרלאָרענעם ברודער. שוין פינף יאָר זוכט ער אים. ער האָט געשוואוירן זיין טאַטע-מאַמע אים צו געפינען . . . זאָל ער אים זוכן און זוכן . . . זיין ברודער איז טויט, זאָל כאָטש די האָפענונג ביי אים אין הארצן לעבן . . . זאָל ער ארומגיין מיט דער האָפענונג און זוכן זיין פאַרלאָרענעם ברודער! . . .

מיין הארץ צעגייט אָבער אין מיר, קוקנדיג אויף מיין באַקאַנטן שפּעט ביינאַכט אין דעם וואַרעמען, ליכטיגן רעסטאָראַן. איך בויג מיך אוועק, קיינער זאָל ניט זען מיינע טרערן . . . א טעקסי-שאָפער וויינט ניט! . . .

אַ מאַמע האָט מיר דערציילט

נאָך אַ טאָג־צוויי און פאָרן טעקסי־שאָופער הויבט זיך אָן דער גרויסער יאַריד. קריסטמעס דערנעענטערט זיך. איבער די ענגע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט שלענגלען זיך די געל־בייכיגע טעקסים, באַווייזן זיך דאָ און דאָרט, ווי פייער־פליגן, זיג־זאַגן רעכטס און לינקס, טונקען זיך אין דעם ים פון בלאַנקענדיגע, פאַרשיידנפאַרביגע אויטאָמאָבילן. פאַרהאַוועטע פרויען פאָרן אַרום איבער די דע־פאַרטמענט־קראָמען איינקויפן מציאות אויף יום־טוב. כמעט יעדער טעקסי איז שווער אָנגעלאָדן מיט קעסטלעך און בינטלעך. אַרום די באַן־סטאַנציעס קאָכט עס ווי אין אַ בינשטאָק. פרעמדע קומען צופאָרן קיין ניו־יאָרק און היגע פאָרן אַוועק, צו פאַרברענגען ער־גערץ אין דער פרעמד דעם יום-טוב קריסטמעס.

לעבן „גרענד סענטראַל" האָבן מיך אָפּגעשטעלט צוויי פרויען — אַ מאַמע מיט איר טאָכטער. זיי ווילן אַ טעקסי. איך האָב געזען ווי די מוטער איז אויפגערעגט, נערוויאיש, קען ניט איינשטיין אויף אָן אָרט. זי רייסט מיט פיבערדיגע פינגער דאָס טירל פון דער טעקסי און אין איילעניש פלאָנטערט זי זיך און קען מיר בשום אופן ניט אָנגעבן דעם אַדרעס, וואוהין זי וויל פאָרן.

די טאָכטער — אַ יונגע, צוואַנציג־יעריגע מיידל, קוקט זיך דערווייל אַרום אויף דער טומלענדיגער גאַס. פון אירע שוואַרץ־באַברעמטע, גרויסע אויגן קוקט אַרויס אַ טיפער צער און יאוש. זי גיט מיר אָבער אָן רואיג און געלאַסן, מיט אַ שטיל, ניט איילנ־דיג קול, אַן אַדרעס ערגעץ אין דער וואודלאָן געגנט, אין דער אויבערשטער טייל פון די בראָנקס, און בעט מיך:

— פאָרט פאַמעלעך . . . כ'האָב גענוג צייט . . . ניטאָ זיך וואָס צו איילן . . .

ס'איז מיטן־נאַכט. ווינטערדיג. די געפלאַסטערטע גאַסן זיינען באַדעקט מיט אַ דינעם הייטל אייז. דער פרישער שניי איז צונויפ־געשאָרט אין שפּיציגע בערגלעך פוןביידע זייטן וועג. איך בין געפאָרן פאַמעלעך און פאָרזיכטיג. די גאַסן־לאַמטערנעס האָבן זיך געשפּיגלט אין שניי און אין אייז און צוגעגעבן דער שטאָט אַן ערב יום־טוב'דיגן אויסזען.

אינווייניג אין דער טעקסי האָב איך געהערט ווי די עלטערע פרוי האָט גערעדט:

— באַלד, באַלד וועלן מיר זען דזשימין . . . גאָט צו דאַנ־קען . . . מיר וועלן פייערן דעם קריסטמעס צוזאַמען . . .

איך האָב ניט ווילנדיג אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס מיידל איז געזעסן פאַרשטופּט אין אַ ווינקל פון דער טעקסי, ניט הערנדיג די מוטער. די אַלטע האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו רעדן. זי איז געווען איבערגעפילט מיט אַזויפיל אויפרעגונג, אַז זי האָט ניט געקענט איינזיצן אַ רגע שטיל. דערזעענדיג מיין פּלוצלונגע באַ־וועגונג און מיין פאַר׳חידוש׳טן שמייכל, האָט זי זיך איבערגעזעצט אויף דעם קליינעם בענקעלע הינטער מיינע פּלייצעס און אָנגעהויבן צו רעדן צו מיר:

— קריסטמעס מוז דאָ אין ניו־יאָרק געפייערט ווערן שוין גאָר אויף אַ גרויסן שטייגער.

— יע-ע! — האָב איך איר געענטפערט אָן חשק. פון דער־פאַרונג האָב איך געוואוסט אַז אַזאַ מין פראַגע פון אַ פּאַסאַזשיר איז נאָר אַן אָנהויב פון אַ ווייטערדיגן געשפּרעך, וואָס איז אַ סך מאָל נודנע און באַלאַסטנדיג.

— שוין אַ היפּשע צייט ווי איך בין ניט געווען דאָ אין ניו־יאָרק, — האָט די אַלטע ניט אָפּגעלאָזן, — מיר וואוינען אין ניו־באָסטאָן, מאַסאַטשוזעטס . . . ס׳הייסט: איך און מיין טאָכטער גלאָריאַ . . . מיר האָבן דאָרט אַ שטיקל פאַרם . . . אָבער דאָ האָב איך דריי זין . . . פאַר איך איצט צו זיי . . . דער גליק־לעכסטער קריסטמעס אין מיין לעבן.

— דער גליקלעכסטער? — בין איך פּלוצלונג געוואָרן נייגע־ריג און אָנגעשטעקט מיט דער פרוי׳ס פרייד.

— דער גליקלעכסטער, — האָט זי איבערגע׳חזר׳ט און געצי־טערט מיט אַ מאָדנעם דריבנעם ציטער, — און ווייסט איר פאַרוואָס? אָט, אַ שטייגער, ווען איר פאַרלירט עפּעס אַ טייערע זאַך און דער־נאָך געפינט איר זי — איז זי ניט ביי אייך טויזנט מאָל טייערער ווי געווען? און אַז איינער פאַרלירט אַ קינד . . . און . . . און . . . איך זאָג דאָס אַנטקעגן מיין זון . . . מיין בייבי .... מיין דזשימין, וועלכן איך וועל באַלד זען . . . ער האָט דאָ ניט לאַנג איבערגעלעבט אַ שיין פּעקל צרות . . . עפּעס איז דאָ פאַרגעקומען אַ מעות . . . איר פאַרשטייט? אַ יונגער פאַרם־בחור׳ל, אַן אומ־

דערפארענער . . . וואס ווייסט ער פון די וועגן און פון די סכנות פון דער גרויסער שטאט? נו, האט ער זיך פארפלאנטערט מיט עפעס א חברה צעלאזונע „באיעס", אפשר גנבים אדער מערדער, און די פאליציי האט אים איינגעשפארט אין געפענגעניש . . . ס'פאר־שטייט זיך, אז ס'איז געווען א טעות . . . מיין דזשימי האט ניט געקענט זיין פארמישט אין קיין מערדעריי, אבער עס איז באשערט געווען דורכצוגיין א סך צרות און מאטערנישן . . . זיי האבן אים טאקע ארויסגעלאזן, אבער פריער איז ער זיך גענוג אנגעזעסן הינטער אייזערנע גראטעס, ווי א ווילדע חיה אין א שטייג . . . מיין ארימער דזשימי! . . . און איבער וואס? איבער חבר'ן זיך מיט שלעכ־טע חברים . . . ווען איך וואלט געווען לעבן אים, וואלט אפשר דערצו ניט געקומען . . . איך בין דאך א מאמע . . . איך וואלט אים אויסגעהיט פון אלדאס בייז . . . איך האב אים אפילו ניט גע־קענט זען די גאנצע צייט, וואס ער איז געזעסן איינגעשפארט . . . זיינע ברידער האבן מיר געשריבן אז מ'האט אים אלעמאל איבער־געשיקט פון איין געפענקעניש אין אן אנדערן . . . מ'האט אים געהאלטן אין איין אויספרעגן און מאטערן . . . באשערט געווען מיין קינד זאל זיך אזוי אנפלאגן . . .

דאס מיידל, אין דער טיפעניש פון דער טעקסי האט זיך ווי מיטאמאל ארויסגעריסן פון איר שטילשווייגעניש.

— מאמע, — האט זי ארויסגעקרעכצט, — הער שוין אויף . . . דו רעגסט זיך ווידער אויף!

— ס'איז אלרייט, גלאריא, דו זעסט דאך אז איך בין אלרייט!

— דו ביסט שוין עטלעכע נעכט ניט געשלאפן . . . דו דארפסט דיך אויסרוען . . . איידער מיר קומען אהין.

— און איר ווייסט, מיסטער שאופער? — האט די אלטע זיך ווידער אויסגעדרייט צו מיר, איגנארירנדיג די טאכטער, — זיי האבן אים שוין אפילו געהאט ארויפגעזעצט אויפן עלעקטריק טשער . . .

— וואס? — האב איך אויסגערופן שוין אביסל דערשראקן, מורא האבנדיג, אז די פרוי איז אביסל צעדרייט.

— איר מיינט, אז איך בין משוגע? . . . — האט די פרוי ווי געטראפן מיינע געדאנקען, — אז איך רעד פון וועגן? . . . נא סער! איך דערצייל אייך א זאך וואס האט געטראפן אויף אן אמת... טאקע מיט מיין דזשימין . . . ווען איך בין געוואויר געווארן, אז

זיי האָבן מיין דזשימין אָפּגעבראָטן אויפן עלעקטריק טשער, האָב איך טאַקע געמיינט, אַז איך ווער משוגע . . . דערנאָך בין איך געווען מסוכן קראַנק . . .

— מאַמע! — האָט דאָס מיידל ווידער געררופן פון איר ווינקל, ווי בעטנדיג זיך, אויסציענדיג אירע הענט, — מאַמע, דו וועסט ווידער ווערן קראַנק.

— נישקשה, גלאָריאַ, — האָט די מוטער זי בארואיגט און זיך ווידער געקערט צו מיר: — און שטעלט איך פאַר: דאָס אַלץ איז געווען אַ טעות . . .

— אַ טעות?

— אַ טעות . . . זיי האָבן געזעצט אויפן עלעקטריק טשער אַן אַנדער באָי . . . יענער האָט אויך געהייסן דזשימי גאַרמאַן . . . ס'זיינען דאָך פאַראַן אַזויפיל גאַרמאַנס אין אַמעריקע . . . נו, האָבן די צייטונגען אַלץ פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט אַזוי, אַז אין אָנפאַנג האָבן מיר אַלע געמיינט אַז ס'איז געווען אונזער דזשימי . . . איצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס איך פיל זיך אַזוי גליקלעך און פאַרוואָס איך האָב מיך אַזוי געריסן צו קומען קיין ניו־יאָרק? . . .

— איז אייער דזשימין, הייסט עס, גאָרניט געשען? — האָב איך זי געפרעגט.

—גאָרניט, מיין פריינט . . . די פּאָליציי האָט שפּעטער אויסגעפונען אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות . . . דזשימי וואוינט איצט מיט זיינע ברידער אין וואודלאַן . . . ער איז אַ „גוד באָי” . . . ער חבר'ט זיך שוין ניט מיט קיין שלעכטע חברים . . . באַלד־באַלד וועל איך אים זען . . .

— אָבער דער אַנדערער דזשימי . . . דער, וואָס מען האָט אים געזעצט אויפן עלעקטריק טשער . . . ער האָט אויך געהאַט אַ מאַמע? — האָב איך געפרעגט און איך האָב תיכף חרטה געהאַט, ווייל די פרוי האָט זיך פלוצלונג איינגעקאָרטשעט, גלייך איך האָב איר מיט עפּעס אַ זעץ געטאָן.

— אַזוי? — האָט זי איבערגעפרעגט מיט אַ געפאַלן קול, — איז עס מעגלעך, אַז יענער דזשימי האָט געהאַט אַ מאַמע און די מאַמע לעבט און זי זיצט איצט ערגעץ, טראַכטנדיג וועגן איר קינד? . . . דאָס איז שרעקלעך! . . . איך וואָלט דאָס ניט איבערגעלעבט, ווען דאָס טרעפט מיר . . .

זי האָט זיך געשאָקלט אויף רעכטס און לינקס. זי האָט אינ־סטינקט־מעסיג צונויפגעבראָכן די הענט און כ׳האָב געהערט ווי אירע פינגער קנאַקן.

— זייט מיר מוחל, מיסטער שאָופער, וואָס איך האָב אייך אָנגעדולט אַ קאָפּ, — האָט די אַלטע צום סוף געזאָגט, — גלויבט מיר, אַז איך קען ניט העלפן . . . ס׳רעדט זיך עפּעס אַזוי פון האַרצן . . . שטעלט אייך פאָר: מיין קינד וואַרט אויף מיר . . . זיי האָבן דאָרט, מסתמא, אויפגעשטעלט אַ קריסטמעס־בוים . . . מיט הונדערטער לעמפּעלעך . . . ס׳איז דאָרט וואַרעם, ליכטיג . . . און דזשימי וואַרט אויף מיר . . .

זי איז ענדלעך מיד געוואָרן רעדנדיג און זי האָט זיך צוריק־געזעצט אויפן הינטערשטן זיץ . . . זי האָט זיך אַביסל באַרואיגט. איר אויפרעגונג איז אַריבער. דאָס ניט דערשלאָפן עטלעכע נעכט האָט זי גובר געווען און הינטער דעם מאָנאָטאָנעם שאָקלען פון דער טעקסי האָט זי גענומען דרימלען. איך בין נאָך אַלץ געפאָרן לאַנגזאַם, טראַכטנדיג וועגן דער מאָדנער מעשה, וואָס די פרוי האָט מיר דערציילט.

איך בין שוין געווען ווייט אַרויס פון די רוישנדיגע הויפּט־גאַסן. אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס קנאַקן פון די גומענע רעדער איבער דעם פאַרפרוירענעם שניי. ביי מיין לינקער זייט האָט זיך געצויגן, מיילנווייז, דער שוואַרצער שטיינערנער פאַרקן פון דער וואָודלאָן סעמעטערי, איבער וועלכן עס האָבן זיך געוויגט פאַרפרוירענע, מיט שניי באַדעקטע צווייגן. פון דער רעכטער זייט האָבן פון שניי אַרויסגעבלאַנקט, ווי געשליפענע מעסערס, די אייזנ־באַן רעלסן, וואָס האָבן זיך געצויגן אין צענערליי פאַסן.

נאָך קיינמאָל האָט אויף מיר די ביינאַכטיגע שטילקייט הינטער דער שטאָט געמאַכט אַזאַ אומהיימלעכן איינדרוק ווי איצט. עס האָט זיך מיר פלוצלונג אויסגעדאַכט, אַז פון יענער זייט פאַרקן הערט זיך אַן איינגעהאַלטן, האַרצרייסנדיג געוויין. איך האָב געפילט ווי אימיצער האָט מיר מיט אייז־קאַלטע פינגער איינגעקלעמט דאָס האַרץ . . . איך האָב מיך איינגעהערט . . . איך האָב ווירקלעך געהערט אַ געוויין. דאָס האָט דאָס מיידל געוויינט אינווייניג אין דער טעקסי.

זי האָט זיך שטיל אָוועקגערוקט פון לעבן איר מוטער און זיך געזעצט ווייט פון איר אויף דעם בענקעלע הינטער מיינע פּלייצעס,

בכדי ניט אויפצואוועקן די איינגעשלאָפענע פרוי.

— וואָס איז דער מער? — האָב איך זי געפרעגט, — איר פילט ניט גוט? אפשר קען איך עפּעס טאָן פאַר אייך? . . .

— ניין, ניין! — האָט זי שטיל געשלוכצט, — ס׳קען קיינער גאָרניט טאָן . . . באַלד קומען מיר אַהין . . . וואָס טוט מען? . . וואָס טוט מען? . . . ס׳וואָלט אפשר בעסער געווען איר באַך דע־מאָלט זאָגן דעם אמת! . . . איצט וועט זי דאָס ניט איבערלעבן . . . איר פאַרשטייט, שאָופער? . . . ס׳איז גאָרניט געווען קיין טעות מיט רזשימין . . .

די אַלטע האָט רואיג געדרימלט אין ווינקל פון דער טעקסי . . . איך האָב געטריבן שטיל און פאָרזיכטיג איבער דעם פאַרפרווירענעם ברוק, אנטקעגן דעם אָנקומענדיגן גרויסן יום־טוב . . .

די אָנגעפּאַרבטע פרוי

לאַנגזאַם האָט זיך דער ווינטער געגומען אָנרוקן מיט זיינע רויע און כמורנע טעג; ער האָט צוגעדריקט די גרויסע שטאָט, געבליבן קלעפּן ווי שווערער בליי אויף דעכער און פענצטער, זיך אין די ביינער פון מענטשן איינגעגעסן.

גאַנץ פרי איז טאָני ארויסגעקראָכן פון זיין הילצערנער „שענטי" וועלכע אַן איטאַליענער פלעגט זומערצייט באַנוצן אַלס אייז־סקלאַד. אום ווינטער פלעגט די „שענטי" פּוסטעוועז אויפן לײדיגן לאָט. האָט זיך דער היימלאָזער טאָני דאָרט אריינגעקליבן, אויסגעשפּרייט אַלטע צייטונגען און זיך דאָרט געמאַכט א היים. שוין באַלד א וואָך ווי ער וואוינט דאָרט. גאַנצע טעג טוט ער ניט מער ווי ער בלאָנדזשעט ארום איבער דער שטאָט און זוכט עפּעס צו פאַרדינען און קומט אָן דער אָוונט, בויגט ער זיך איין אין דרייען, פאַרשטופּט זיך אונטער דער פאַרלאָזענער „שענטי" און שלאָפט איבער די נאַכט.

טאָני איז געווען א טעקסי שאָפער, ער האָט אָבער ניט געקענט קריגן קיין דזשאָב. איין קוק אויף זיין בלייך געעלטערט פנים, אויף זיינע אָפּגעלאָזטע צעקנייטשטע בגדים און דעם באַלעבאָס' ענטפער איז געווען:

— א שאָד, באָדי, ניטאָ מער קיין ליידיגע קאַרס; אפשר מאָר־גען! . . .

און אזוי יעדן טאָג. טאָני איז ארומגעגאַנגען איבער אַלע גאַראַזשעס, וואַרטנדיג געדולדיג צו קריגן א קאַר, אָבער דער ענט־פער איז אַלעמאָל געווען דער זעלביגער:

— א שאָד, באָדי, אפשר מאָרגן! . . .

טאָני האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַגרייפן אז ער ווערט אַלט. ער האָט דאָס קיינמאָל פריער ניט געפילט אזוי שאַרף.

ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן, עלנט און — הונגעריג.

ס'איז ערשט טאָג געוואָרן און שוין האָט די גאַס אים באַגעגנט מיט א טומל. ער האָט געשפּרייזט איבער די נאַסע, גליטשיגע טראָ־טואַרן און זיין הונגער און פאַרצווייפלונג האָבן געוואַקסן. דאָס טרובען פון די שוואַרצע פליענדיגע אויטאָמאָבילן און טעקסים האָבן אים געצייצט און אויפגערעגט. די קעלט האָט אים דורכגע־

נומען. ער האָט געשפּאַנט און קוים־קוים געפילט דעם טראָטואַר אונטער די פיס. ער האָט זיך געפילט גרינג ווי א פעדער, ס'האָט אים געהויבן אין דער לופטן.

טאָני פילט, אז ער וועט אמאָל אזוי אוועקפאַלן אינמיטן גאַס. אים קומט פלוצלונג א געדאַנק אין קאָפּ, אָפּצושטעלן עפּעס א רייכן מאַן, אויסשטרעקן די האַנט און בעטלען . . . און אז יענער וועט אים נישט געבן, זאָל ער אים פאַרשטעלן דעם וועג, צוהאַלטן פאַרן אַרבל און מיט געוואַלד דערציילן אים וועגן זיין נויט, אים רירן דאָס האַרץ.

און אזוי פּלאָנטערט ער מיט די פיס און גייט ביז ער געפינט זיך מיט אַמאָל ערגעץ ביי די פענסטער פון א קליינעם, אָפּ־געלאָזטען רעסטאָראַן. ער קוקט אריין אינעווייניג — מענטשן זיצן ביי די טישלעך און מ'עסט און מ'אַמפּערט זיך. ביים אריינגאַנג שטייט דער באַלעבאָס, אַ גרויסער פּליכעוואַטער גרעק. ער נעמט געלט ביי זיינע קונדן, קלאַפּט מיטן קעש־רעדזשיסטער און גיט אויס רעשט.

דער ריח פון געבראָטענע פליישן האָבן אים אַ זעץ געטאָן אין דער נאָז, און טאָני האָט פלוצלונג פאַרגעסן אין זיינע פּלענער וועגן אָפּשטעלן אימיצן. ער האָט מיט כוח אַ מאַך־אויף געטאָן די טיר און איז אריינגעגאַנגען אין רעסטאָראַן. ער האָט זיך דורכ־געשטופּט צווישן די צוויי שורות ווייסע מאַרמאָרנע טישלעך, זיך אויפגעזוכט אַ אָרט אין א פאַרשטופּטן ווינקל און, ניט טראַכטנ־דיג קיין סך, באַפוילן דעם ווייטער:

— אַ טעלער זופּ, אַ הייסן ביף־סענדוויטש און א קאָפּע! . . .

ער האָט זיך אליין געוואונדערט אויף דער דרייסטקייט פון זיין שטים, אויף דער באַפעלערישער חוצפּה, מיט וועלכער ער האָט גערעדט צום ווייטער.

אין די עטלעכע מינוטן, איידער דער ווייטער האָט אים דער־לאַנגט זיין באַשטעלונג, האָט ער דערווייל באַטראַכט דעם פּלאַץ, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען; ער האָט נייגעריג אָנגעקוקט די גראָבע, געזונטע הענט פון דעם באַלעבאָס ביים קאַונטער, און דאָס מויל האָט זיך אים פלוצלונג אויסגעקרימט אין א מאָדנעם שמייכל . . . ער האָט געוואוסט, אז ער וועט באַלד אָפּעסן א גוטן מאָלצייט, דעם ערשטן געשמאַקן מאָלצייט אין עטלעכע וואָכן . . . ער האָט אויך געוואוסט וואָס נאָכדעם וועט פאָרקומען . . . אָבער פאַרפאַלן!

דערפאר איז ביי אים דער שמייכל ארויסגעקומען אזוי מאָדנע און קרום . . .

— וואָס שמייכלסטו אזוי? וואָס טוט דיר הנאה? — האָט טאַני דערהערט לעבן זיך א הייזעריגע שטים. און ער האָט ערשט איצט באַמערקט, אז אנטקעגן אים, ביים אַנדערן עק טיש, זיצט א פרוי, א האַלב־שיכור'ע, אַן אַנגעפּאַרבטע, מיט אַן אויפגעלאָפּענער נאָז, מיט א פאַררוקטן העט אויף דעם בלאָנד־געבליטשטן קאָפּ האָר. זי האָט געשטורכעט מיטן גאָפּל אין א טעלער און זיך געפּלייסט ארויפצושטעקן א שטיק האַלב־רויען סטעיק, וואָס זי האָט געגעסן.

טאַני האָט איר געוואָלט ענטפערן, ער האָט אָבער ניט געקענט אויפמאַכן דאָס מויל. ער האָט געפילט א טעמפּן ווייטאָג אין די ווינקלען פון זיינע קינבאַקן.

— ס'שטייט דיר ניט אָן צו ענטפערן, ווען א לעידי רעדט צו דיר, — האָט זיך די פרוי ווי באַליידיגט, — אָ, העל! . . .

זי האָט ווידער א בליק געוואָרפן אויף זיין אויסגעהונגערט פּנים און ווידער געוואָרטשעט:

— ער זעט אויס מער טויט, ווי לעבעדיג . . . האָט שוין אוהאי דריי טעג ניט געגעסן . . .

זי האָט אוועקגעשאַרט פון זיך דעם אויסגעליידיגטן טעלער, פאַרויכערט א סיגאַרעטל און מיט פאַרשמורעטע אויגן געקוקט אויף טאַני'ן.

דער ווייטער האָט דערווייל צוגעבראַכט און אוועקגעשטעלט לעבן טאַני'ן א טעלער זופּ, א הייסן ביף־סענדוויטש און א טעפּל קאַווע. פון די פרישע מאכלים האָט געשלאָגן א געשמאַקע פּאַרע.

עס האָט אים גענומען עטלעכע מינוטן ביז ער איז בכוח געווען צו עפענען דאָס מויל און נעמען דעם ערשטן ביסן. דערנאָך האָט ער זיך צוגעכאַפּט און שנעל אויסגעליידיגט אַלע טעלער. דער הונגער איז אים ביסלעכווייז איינגעשטילט געוואָרן, אָבער אויפן פּלאַץ פון הונגער האָט אים פּלוצלונג אָנגעכאַפּט א מורא. דער ריזיגער גרעק ביים קאַנטער האָט אים געשראָקן.

טאַני האָט אראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן, זיך אָנגעשפּאַרט מיטביידע עלנבויגן אָן טיש, אריינגענומען דאָס פּנים אין די הענט און זיך גענומען אין עפּעס איינהערן. אים האָט זיך געדוכט, אז ער הערט שוין די באַליידיגונגען, אז ער פילט שוין די קלעפּ, וואָס ער וועט דאָ באַלד קריגן . . . צו די צרות איז נאָך די האַלב־פּאַר־

טרונקענע פרוי געזעסן אַנטקעגן אים און געהאַלטן אין איין קוקן אויף אים. ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט זיין די ערשטע אים אויסצעלאַכן.

דער וועיטער איז ווידער צוגעקומען און פאַר אים אוועקגעלייגט אַ טשעק — פופציג סענט.

טאָני איז מיטן טשעק לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום קאַונטער און געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער מיט ביידע הענט אריינגעשטעקט אין די קעשענעס. הערנאָך האָט ער כלומרשט גענומען זוכן איבער זיינע אַנדערע קעשענעס.

— פופציג סענט! — האָט אים דער גרעק אַ מינטער געטאָן.

— ס'איז טראָבל, באָס, — האָט טאָני מיט אַ ציטערדיגן שמייכעל קוים ארויסגערעדט: — כ'האָב פארלאָרן מיין געלט.

אין רעסטאָראַן איז מיט איין מאָל געוואָרן אַ הוזשעריי. טאָני איז געשטאַנען ווי אַ דערשלאָגענער, מיט אַן אויפגעקנעפּלט רעקל און מיט אַן איבערגעקערטער הויזן־קעשענע.

— וואָס מיינסטו, דו האָסט פארלאָרן דיין געלט? — האָט זיך דער גרעק שטאַרק געוואונדערט און איז אַפּגעגאַנגען פון הינטערן קאַונטער, — ווער מיינסטו, וועט פאַר דיר באַצאָלן, דו טרעמפּ? אָן געלט ווילסטו דיך אָנפרעסן? מיר ווייסן שוין די שפּיצלעך! . . .

— כ'האָב דאָ ערשט געהאַט צוויי דאָלער, — האָט זיך טאָני געפּרואווט האַלטן ביי זיינעם. ער האָט שוין געזען, אַז אַלץ איז פארפאַלן. אויף וואָס ער האָט זיך גערעכנט, וועט באַלד קומען . . . ער איז דאָך געגאַנגען דערויף.

— שלעפּ אים אריין צו די בעק, — האָט דער צעווילדעוועטער גרעק אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צום וועיטער און זיך גענומען באַשפּייען די הענט.

אָבער דאָ איז די אָנגעפּאַרבטע פרוי צוגעשפּרונגען און אים אָנגעכאַפּט פאַר זיין אויפגעהויבענער האַנט.

— וואַ־אַרט־אַ־ווילע, וואָס האָסטו צו דעם מענטשן?

זי האָט זיך אָנגעבויגן און אויפגעהויבן פון דיל, צונויפגעוויקלט ווי אַ סיגאַרעטל, צוויי דאָלער און זיי דערלאַנגט דעם צעשראָקענעם טאָני'ן.

— אָט דאָ איז דיין געלט, — האָט זי זיך אויף אים צעבייזערט.

— אפּנים, אַז געלט קומט דיר אָן גרינג . . . כ'האָב געזען, ווי דו האָסט דאָס אַליין ארויסגעלאָזן פון דיין קעשענע . . .

טאַני איז געשטאַנען מיט די צוויי דאָלער אין דער האַנט, צו־געמאַכט די אויגן און זיך אין עפּעס איינגעהערט.

אים האָט אַ נס געטראָפן!

ער האָט באַצאָלט זיינע פופציג סענט און מורא געהאַט דעם רעשט אַריינצוליינגן צו זיך אין קעשענע.

— באַהאַלט שוין, שלימאַזל, — האָט די פרוי שוין בייז גע־שריען און אים דעם רעשט אַריינגעשטופּט אין קעשענע אַריין. מיט איר קני האָט זי אים, איילנדיג, אַרויסגעשטופּט אויף יענער זייט טיר.

— גיי שוין, גיי שוין, — האָט זי זיך געזידלט.

דערנאָך האָט זי באַצאָלט איר אייגענעם טשעק, אַרויסגעשאַרט זיך פון רעסטאָראַן, זיך פּאַרקירעוועט אַרום דעם ראָג און פאַר־שוואונדען געוואָרן אין דער שמאָלער, שמוציגער געסל.

טאַני איז געשטאַנען ווי צעמישט. ער האָט מיט דער האַנט געטאַפּט ביי זיך אין קעשענע און געפילט דאָס געלט, מיט וועלכן יענע האַלב־שיכור׳ע, אַנגעפּאַרבטע פרוי האָט אים אַזוי ברייטהאַרציג אַרויסגעהאָלפן.

„פּעפּי״

געהייסן האָט ער מאַקס שפּיגל, אָבער אַלע האָבן אים גערופן „פּעפּי״. פאַרוואָס עפּעס „פּעפּי״? ווייל ער איז געווען פול מיט „פּעפּ״. איין שטיק קוועקזילבער. ער איז געווען אַ טעקסי־טרייבער און, אויב עמיצער איז באַשאַפן געוואָרן, ספּעציעל צוגעפּאַסט צו עפּעס אַ באַשעפטיגונג, איז דאָס געווען „פּעפּי״. ער איז געווען אַ טעקסי־מאַן פון קאָפּ ביז די פיס. נישט געווען קיין איין ווינקעלע אין דער גרויסער שטאָט, וואו פּעפּי האָט ניט אָנגעשפּאַרט מיט זיין טעקסי. ער איז געווען פול ביי יעדן „פייער״, ווען אַ שיף האָט גע־דאַרפט אַריינקומען, ביי יעדער באַן־סטאַנציע און חתונה־זאַל. ער האָט געוואוסט ווען אָפּצוהיטן אַזאַ און אַזאַ טעאַטער, צו קריגן אַ גוטן פּאַסאַזשיר. ביי יעדן פּאַראַד, מיטינג, גרויסער לויה, האָט איר אים געזען אַרומוואַנדערן מיט זיין געל־און־ברוינער טעקסי, שטענדיג פאַרטיג צו „טשיזלען אַ קאָל״.

אַלע טעקסי־טרייבערס האָבן געקענט „פּעפּי׳ן״; און יעדער מאָל, באַגעגענדיג אים, האָבן זיי אים געזען מיט אַ פּאַסאַזשיר אין זיין קאַר. וואו האָט ער אים געקראָגן? קיינער האָט ניט גע־וואוסט. אויב ער האָט „געקרוזט״ (אַרומגעפאָרן) דורך אַ הינטער־געסל, האָט שוין שטענדיג דאָרט געוואַרט עפּעס אַ בעלן אויף אַ טעקסי און „פּעפּי״ האָט אויפגענומען דעם פאַרשוין. ער האָט געקענט דערשמעקן אַ „קאָל״ עטלעכע מייל ווייט.

„פּעפּי׳ס״ גאַנץ לעבן איז געווען די טעקסי. ער האָט זי גע־רופן: מיין „בייבי״, מיין „שיף״. וועגן וואָס ער האָט ניט גע־רעדט איז ער באַלד אַרויף אויף זיין טעקסי. ער האָט נאָר געהאַלטן אין איין רעדן וועגן פּאַסאַזשירן, וועגן פּאָליסלייט, וועגן „טיפּס״, רעדער, „טאַיערס״, וועגן דער פאַרב, וואָס ער גייט אַרויפגעבן אויף זיין טעקסי. אפילו אין שלאָף האָט ער גערעדט וועגן זיין טעקסי. די „באָיעס״ אויף האָוסטאָן סטריט דערציילן נאָך ביז איצט וועגן „פּעפּי׳ן״, ווען אים האָט זיך איינמאָל גע׳חלומ׳ט, אַז אָט־אָט פאָרט ער אַריין מיט זיין קאַר אין אַ שווערן „מעק־טראַק״. נו, האָט ער מיט בייִדע פיס אָנגעדריקט די „ברעיקס״, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַרויסגעשטופּט דעם צופוסנס פון בעט, און וועלכער ער

איז געשלאָפן. ווען די מענטשן אין הויז זיינען זיך צונויפגעלאָפן, מיינענדיג אַז עפּעס אַן אומגליק איז געשען, האָבן זיי געטראָפן „פּעפּי'ן" אויפן דיל, קריכנדיג אויף אַלע פיר פון אונטער די שטי־קער פון צעבראָכענעם בעט.

„פּעפּי" האָט געוואוינט אויף הויסטאָן סטריט. ער איז נאָך געווען אַ בחור. ער איז שטענדיג געווען אַזוי פאַרהאַוועט מיט דער טעקסי, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין צייט אַ קלער צו טאָן וועגן זיך, וועגן עפּעס אַ תכלית. זיין היים איז באַשטאַנען פון אַ קליין פינצטער צימערל, וואָס ער האָט אָפּגעדונגען ביי אַן עלטערער פרוי, אַן אלמנה. די פרוי און איר טאָכטער האָבן גע־האַלטן אַ פּרוכט־שטעל ערגעץ אויף דער ערשטער עוועניו. „פּעפּי" האָט געצאָלט פאַרן צימערל פיר דאָלער אַ וואָך און עסן פלעגט ער אין סיי וועלכן ביליגן רעסטאָראַן און קאַפעטעריע, וואָס איז אים נאָר געקומען צו דער האַנט.

אַרום זיבן אַזייגער איז „פּעפּי" איינמאָל אין אַ זומער פאַר־נאַכט געבליבן שטיין מיט זיין טעקסי אויף דעלענסי סטריט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַסאַזשיר, וואָס ער האָט גראָד צוגעפירט צו דעם ראָג. ער האָט עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ רעכטס און לינקס, ווי וועלנדיג דערשמעקן, צי געפינט זיך ניט עפּעס אַ „קאָל" דאָ ניט ווייט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז צוגעפאָרן צו האָוסטאָן סטריט, צו דער הויז, וואו ער האָט גע־וואוינט.

אַריינקומענדיג אין האָל האָט „פּעפּי" דערזען מאַלי'ן, דער אלמנה'ס טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציג, אַ שווע־רע, אַ צעוואַקסענע, אָבער אַ חנ'עוודיגע, מיט שוואַרצע, שפּילעוודי־גע אויגן און שטענדיג אַ שמייכלענדיגע. איבער איר פּשוט קליידל האָט זי געטראָגן אַ ברייטע, ווייסע שירץ און די אַרבל פון איר בלוזקע האָט זי געהאַט פאַרקאַשערט ביז איבער די עלנבויגנס. „פּע־פּי" איז אַריין אין קיך.

— גוט נאַוונט, מיסטער שפּיגל, — האָט אים מאַלי באַגעגנט מיט אירע שמייכלענדיגע אויגן, וואונדערנדיג זיך, וואָס ער איז פּלוצלונג אַהיימגעקומען אין זיין ניט געוויינלעכער צייט. — עס האָט עפּעס געטראָפן?

— אַלצדינג איז „אַ קעי", — באַרואיגט זי „פּעפּי", — איך בין גראָד געווען אין דער געגנט, בין איך אַריינגעקומען אויף אַ

ווילע . . . ניטאָ נאָך די מאמע?

— ניין . . . איר'ט אפשר טרינקען א גלעזל קאווע, מיסטער שפיגל?

— א דאנק, מאַלי. כ'האָב ערשט געטרונקען קאווע אויף גרענד סטריט.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט, ארויסגעשלעפּט א פּאַק ציימונגען פון דער קעשענע און גענומען איבערקוקן די בילדער און די וויצן. דער אָוונט איז צוגעפאלן. עס איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער.

מאַלי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אראָפּצונעמען א האַנטוך, וואָס איז געהאנגען איבער „פּעפּי'ס" קאָפּ. זי האָט זיך פארטשע־פּעט אין זיין פּוס און איז געפאלן אקעגן אים.

— אנטשולדיגט, מיסטער שפּיגל, — האָט זי זיך פארענטפערט, — ס'איז שוין גוט פינצטער. מ'דאַרף אָנצינדן די „לאַיט".

„פּעפּי" האָט זיך אָנגעכאַפּט אין איר אָרעם.

— ט'ס אָלרייט, — האָט ער געזאָגט, לאַכנדיג, וויי טער האַלטנ־דיג איר אָרעם.

זי האָט געפּרוּאווט ארויסרייסן זיך פון אים, אָבער ער האָט אָנגעכאַפּט איר צווייטן אָרעם און זיי ביידע געדריקט אינגאנצן אויפגערעגט.

— וואָס טוט איר? — האָט מאַלי געפּליסטערט און „פּעפּי" האָט געפילט אויף זיין פּנים איר הייסן אָטעם, — די מאמע דאַרף באַלד אָנקומען.

— וואָס אַרט מיך? — האָט „פּעפּי" זיך געוואונדערט אויף זיין פּלוצלינגער דרייסטקייט און אויף דעם געדאנק, ווי גוט עס איז צו האַלטן מאַלי'ן לעבן זיך אַזוי נאָענט, אין דער טונקל.

— לאָזט מיך! — האָט זיך מאַלי, ציטערנדיג, געבעטן, — טאַ־מער זעט אונדז עמיצער.

— זאָלן זיי זען, — האָט ער גערעדט ווי אין פיבער, — כ'וועל זיי זאָגן, אַז דו ביסט מיין מיידל . . . אַז מיר גייען חתונה האָבן.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך דאָס מיידל צעלאַכט און די אָרעמס אירע האָבן גענומען ציטערן אין „פּעפּי'ס" הענט.

— היינט איז דאָ געווען דזשעק, — האָט זי פּלוצלינג אָנגע־הויבן, — וואָס וועט דזשעק זאָגן?

— וועלכער דזשעק?

— דזשעק דער שלאָסער . . . ער דולט מיר שוין דעם קאָפּ

אז מיר זאָלן ארויסנעמען מערידזש לאַיסענס, — האָט מאַלי געריעדט און געפילט אז דאָס פּנים ברענט איר.

— און דו? דו גלייכסט דזשעק׳ן?

— ווייס איך! — האָט מאַלי געענטפערט און זיך געוואונדערט, צוליב וואָס זי האָט אים געדאַרפט דערציילן וועגן דזשעק׳ן, — ניין... זיכער ניט . . . .

— וועמען דען גלייכסטו? — האָט „פּעפּי״ זי נאָך מער צוגע־צויגן צו זיך.

זי האָט געשוויגן.

— מיך גלייכסטו?

— און איר גלייכט מיך?

„פּעפּי״ איז געבליבן ווי צעמישט. גלייכט ער מאַלי׳ן? ער האָט פריער וועגן דעם קיינמאָל ניט געטראַכט און איצט איז דאָס געקו־מען אזוי פּלוצלינג. איצט, ווען ער האַלט זי אזוי נאָענט צו זיך, פילט איר הייסן אָטעם, איז ער זיכער, אז ער גלייכט זי, אז ער וואָלט מיט איר חתונה געהאט . . . פאַרוואָס איז דאָס אים ביז איצט ניט געקומען אויף די געדאַנקען?

— יאָ, מאַלי, איך גלייך דיך . . . איך האָב דיך ליב . . . אמת . . . איך מיין דאָס . . .

ער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס, אָבער אין דער רגע האָט ער דורכגעבליקט זיין ביז־איצטיג לעבן און ער האָט באַשלאָסן, אז עס וואָלט געווען א גלייכע זאַך, אז אמת גליק פאַר אים, חתונה צו האָבן מיט מאַלי׳ן. עס וואָלט אים געווען גוט צו האָבן אן אייגענע היים, עפּעס מער ווי א פינצטערע „בעדרום״, א פּלאַץ, וואו ער וואָלט הנאה געהאט פון א היימיש־געקאָכט ביסל עסן — מיט מאַלי׳ן. יאָ, עס וואָלט געווען גוט צו האָבן א היים מיט מאַלי׳ן.

— האָסט מיך ליב, מאַלי?

— יאָ, „פּעפּי״.

— וועל איך היינט רעדן וועגן דעם מיט דער מאַמען.

פּונקט דעמאָלט האָט זיך דערהערט א געשריי דורך דעם אָפּע־נעם פענצטער:

— העי, טעקסי! וואו איז דער דרייווער?

עפּעס שטאַרקער פון „פּעפּי׳ן״ האָט אים א הויב געטאָן פון בענקל. ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער מיידל און איז צוגעלאָפן צום פענצטער. ארויסקוקנדיג האָט ער געזען ווי יונג פּאַרל שטייט לעבן זיין טעקסי.

— איך קום שוין ארונטער, — האָט ער געשריען און, כאַפּנ־דיג דאָס היטל, איז ער, ווי אן אונטערגעשאָסענער, ארויסגעלאָפן פון דער הויז. דער געדאַנק וועגן מאַלי'ן איז אים גלייך ארויס פון קאָפּ.

ארונטערלויפנדיג העגדום־פּעגדום, האָט ער, אין דער האַלבער פינצטערניש, זיך אָנגעשלאָגן אין עפּעס א פרוי, אומוואַרפנדיג זי אויף די שטיגן. דאָס איז געווען מאַלי'ס מוטער.

— משוגע'נער! — האָט די פרוי געקרעכצט, — צוליב זיין טעקסי וועט ער א וועלט חרוב מאַכן.

אָבער „פּעפּי" האָט שוין גאָרניט געהערט. אים האָט קיין זאַך ניט געקימערט. ער האָט זיך שוין געטראָגן מיט דער טעקסי דורך די ענגע גאַסן פון דער שטאָט צו דעם „פּענסילווייניע" סטיישאַן.

* * *

יענע נאַכט און די נעקסטע נאַכט איז „פּעפּי" ניט אהיימגעקומען נעכטיגן. ערשט אויף דעם דריטן טאָג, אין אָוונט, האָט ער זיך פּאַמעלעך אריינגעשאַרט אין הויז און זיך אריינגעגנב'עט צו זיך אין צימער. ער האָט אָבער, פאַרבייגייענדיג דעם שמאָלן האָל, געזען, אז אין פראָנט־צימער קומט פאָר עפּעס אומגעוויינלעכעס. אַלצדינג איז דאָרט געווען יום־טוב'דיג צוגערוימט און ליכטיג. ביים טיש איז געזעסן דזשעק דער שלאָסער, אָן אויסגעפּוצטער. ער איז געווען פאַרטיפט, רעדנדיג עפּעס מיט מאַלי'ס מוטער. מאַלי אליין איז געשטאַנען ביים פענצטער און ארויסגעקוקט צו דער גאַס.

ווען „פּעפּי" איז פאַרבייגעגאַנגען דעם האָל, האָבן זיי אויף א ווײַלע אויפגעהערט צו רעדן, אָבער ווען ער האָט הינטער זיך צוגע־מאַכט די טיר פון זיין צימער, האָט ער געהערט ווי די אלמנה זאָגט:

— ער איז משוגע אויף טויט . . . ער האָט מיך שיעור ניט דער'הרג'עט לויפנדיג צו דער טעקסי, צו זיינער . . . כ'וועל אים דאָ מער ניט האַלטן, ער זאָל מיך אפילו אָפּגילטן . . .

„פּעפּי" האָט זיך תיכף גענומען פּאַקן זיינע זאַכן אין איילעניש, און, פאַרביסענערהייט, האָט ער ארויסגעטראָגן זיינע צוויי רענצלאַך, מיט כעס זיי ארויפגעוואָרפן אויף דער טעקסי, וואָס האָט געוואַרט אויף אים ביי דער טיר פון הויז.

א האַלבע שטונדע שפּעטער האָט ער זיך שוין אריינגעצויגן אויף משערי סטריט אין א נייעם שלאָפצימער, קליין און טונקל, פּונקט ווי דאָס לעצטע אויף האוסטאָן סטריט, פון וועלכער ער האָט זיך ערשט ארויסגעצויגן.